דרייצעהנטער יאָהר־גאַנג

№ 44 · „CZENSTOCHOWER CAJTUNG". · פּרייז 20 גראָשען.

טשענסטאָכאָווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאג.

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek, d. 2 listopada 1934 · ליכט־צינדען 3.50 · פרייטאג פ׳ חיי שרה כ״ד מרחשון תרצ״ה.

Biblyot. Jagiellonska Kraków św. Anny 19

שטיצט די חברה „תומכי עניים"!

הלוא פרס לרעב לחמך (ישעי׳ נ״ח).

שוין מעהרערע יאָהרען ווי אין אונזער שטאָדט עקזיסטירט אַ חברה „תומכי עניים", וואס איהר ציעל איז צו זאַמלען יעדען שבת צווישען דער היגער יודישער בעפעלקערונג חלות און ברויט, בכדי צו פערטיילען צווישען אונזערע בכבוד'ע אָרימע ברידער, וואס שעהמען זיך אויסצושטרעקען זייערע הענד נאָך שטיצע.

די לעצטע צייט ווערט די זאַמלונג וואס אַמאָל שוואַכער און ווי די זאַמלער בעקלאָגען זיך, געהען זיי אַדורך מעהרערע הייזער, וואו זיי בעקומען גארנישט און זייער רוף איז „כקול קורא במדבר". דאָס איז גורם, אַז פיעל אָרימע לייט, וואס ווארטען אַ גאַנצע וואָך אויף דעם ברויט, בלייבען פערחונגערט.

געדענקט יודען: אַז מיט'ן אויסמיידען צו געבען אייער שבת'דיגע שטיצע, ברענגט איהר דערצו, דאָס אַ גרויסע צאָהל אָרימע יודען, וואָס זייער איינציגע חיונה בעקומען זיי פון דער חברה „תומכי עניים", זאָלען מיט זייערע פרויען און קינדער נישט האָבען וואס צו עסען. דעריבער ווענד איך מיך צו אייך מיט'ן אויסרוף, העלפט אייערע אָרימע ברידער! זאָל יעדער פון אייך זעהען צו פערלייכטערען זייער גורל אין דער נויט! גרייט צו יעדען שבת אייערע נדבות פון חלות און ברויט, כדי די זאמלער זאָלען נישט ברויכען אומזיסט צייט צו פערלירען.

וצדקה תציל ממות, אייער צדקה קאָן צעהנדליגער אָרימע ברידער רעטען פון טויט.

נחום אש אברפ״ק.

טשנסטחוב כ״ג מרחשון תרצ״ה.

א גליקליכע רייזע און א בליהענדע צוקונפט ווינשען מיר אונזער לאַנגיעהריגען שכן און חבר **איטשע ליפּסקי** און פרוי צו זייער אַבריייזען נאָך **ארץ־ישראל.** זאָל מען זוכה זיין צו הערען פון אייך בשורות טובות.

פאַמיליע דימאַנד, טשענסטאָכאָוו

משה דימאַנד און **פרוי** אַלקוש.

idealem palaczy są gilzy
TYTONIÓWKI
żądać wszędzie

יודישע געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטניש, אָפּט. אין טשענסטאָכאָוו.

היינט, פרייטאַג, ד. 2 ליסטאָפּאַד 8 אָווענד אין ערשטען און 8־30 אין צווייטען טערמין (גילטיג אומאָפּהענגיג פון דער צאָהל אנוועזענדע) וועט פאָרקומען אין אייגענעם לאָקאַל, אַלעע וואָלנאָשטשי 2

אַן אַלגעמיינע בעריכטס־פערזאַמלונג

צוליעב דער וויכטיגקייט פון די ענינים איז נויטיג די אָנוועזענהייט פון אַלע מיטגלידער.

מאָרגען, שבת, ד. 3 ליסטאָפּאַד 9 אָווענד וועט אין נייעם לאָקאַל פאָרקומען

די פייערליכע 5־יעהריגע יובל־פייערונג

פערבינדען מיט'ן **חנוכת־הבית** פון נייעם לאָקאַל פון דער אָבטיילונג

אין דער אַלגעמ. פערזאמלונג און אין דער פייערונג וועט זיך בעטייליגען ה׳ **ס. צידעראָווסקי** וויצע־פרעזעס פון דער הויפּט־פערוואַלטונג און פרעזעס פון דער וואַרשאַווער אָבטיילונג.

איינגאַנג געגען איינלאַדונגען.

„SUKNOPOL"

Częstochowa, II-ga Aleja № 28, w podwórzu

עמפפעהלט אויפ'ן ווינטער־סעזאָן די בעסטע

סחורות

אויף דאַמען־מאַנטלען, הערן־אַנציגער, פאַלטענס

צו די ביליגסטע פרייזען פון די בעסטע ביליצער און טאָמאַשאָווער פאַבריקען.

איבערצייגט אייך!

אַזוי איז דער אמת!

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערקלערונג פון די ברידער רייך ערקלער איך פאָלגענדעס:

די ברידער רייך מאַכען אַן׳אונשולדיגע מינע, ווי זיי וואָלטען געווען די בעעולה'טע. דער אמת שטעלט זיך אָבער פאַר ווי פאָלגענד:

1) עס איז נישט אמת, אַז ווי האָבען א קוויטירונג אויפ'ן גאַנצען חוב, וואָס זיי קומען מיר. אמת איז, אַז איך האָב זיי קוויטירט אויף א סומע פון 250 זל. אין דער צייט, ווען זיי זענען מיר נאָך שולדיג א סומע פון איבער 600 זל.

2) עס איז נישט אמת, אַז איך מאַהן זיך ביי זיי פּראָצענטער, הלוואי וואָלטען זיי מיר נאָר בעצאָהלט דאָס געלד פאַר מיין שווערער ביטערער האָרעוואַניע.

3) עס איז אויך א שענדליכער ליגענד, אַז איך בין גאָר אָנגעפאַלען אויף איינעם פון זייערע ברידער. ווער עס קאָן די רייכ'ס ווייסט, אַז זיי ווארטען נישט ביז מען פאַלט אויף זיי אָן, ווייל זיי זענען שוין גוט בעקאַנט אין אונזער שטאָדט מיט זייערע אוואַנטורעס און געשלעגערייען

איבריגענס וועל איך נישט ווארטען ביז זיי וועלען מיך קלאָגען אין געריכט, נאָר איך אַליין האָב שוין איבערגעגעבען דעם גאַנצען ענין אין דער פאָליציי. דעם ה׳ פרץ רייך דאַגעגען, געמענדיג אין אַכט זיין עלטער, פאָדער איך אויף צו א דין־תורה ביים רב אָדער אין האַנדווערקער־פעראיין.

בעריל פיעכאָטא.

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

בערעק יאָסעלעוויטש № 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

אונטער דער לייטונג פון אַן׳אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע־שולע אין וואַרשאַ מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק

ספּעציאַליטעט:

1) פאַרבען לויט מוסטערן,
2) דעטאַשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט),
3) כעמיש רייניגען און סאַסאַנירען קאַפּעלושען,
4) וואַשען שטייפע מענער־וועש מיט א דויערהאַפטען שפּיגעל־גלאַנץ

קאָנקורענץ־פרייזען.

Uwaga Wieluń i okolica!

TECHNIK DENTYSTYCZNY

przyjmuje roboty z gabinetów. Wykonanie solidne i tanie.

Sz GUTMAN, WIELUŃ, ul Różana № 2.

ST. FELCZER

z długoletnią praktyką

Ludwik Montag

Aleja 1, 2-gie piętro, front (N. Rynek)

przyjmuje cały dzień i udziela doraźnej pomocy o każdej porze.

צאָהן־ארצט

א. פּרץ

צוריקגעקומען

נעמט אָן פון 9—2 און 4—7 אָווענד.

Farbiarnia, Pralnia Chemiczna

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2

מיר נעמען אָן צו וואַשען **קראַגענס** מיט לאַנג־דויערענדען שפּיגעל־גלאַנץ, ווי אויך **וועש.** אויך נעמען מיר אָן **כעמיש** צו רייניגען און צו פאַרבען אַלערארט קליידונג.

ספּעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס, 2) דעטאַשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען).

אַכטונג: פלעקען ווערען אַרויסגענומען אויפ'ן אָרט

Tańców: nowoczesnych, zwykłych, stylowo i modnie uczy szkoła

baletm. K. KOSTECKIEGO

w lokalu własnym **Waszyngtona 6**

Zapisy na kursy I, II, III, lekcje pojedyńcze codziennie od 10 rano do 9 w. Wkrótce rozpoczęcie. Opłata zniżona.

פּראַקטישע לעקציע יעדען שבת פאַר יודישע געזעלשאַפט אַנהויב 8 אָוונד.

לעצטע מוזיק־שלאַגערס. צונעגליכער אַצאַל.

גוט שמאַק־האַפט בייער

איז צו בעקומען צו יעדער צייט און צו ביליגע פרייזען אין דער פירמע

„אורסוס" ס. פישהאַלטער

וואַרשאַווער № 21

בעמערקונג: בעשטעלונגען אויף חתונות, ברית'ן, פערוויילונגען און שמחות בעקומען ספּעציעלע הנחות.

מיט בעשטעלונגען קאָן מען זיך אויך ווענדען טעלעפאָניש 10־43.

דער פוטער־סקלאַד

MAURYCY KORNBERG

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. Tel. 22-59.

עמפפעהלט אויפ'ן לויפענדען סעזאָן

אַלע סאָרטען פוטערס צו קאָנקורענץ־פרייזען.

די וועלט־בארימטסטע דאָקטוירים האָבען פעסטגעשטעלט, אַז 75 % קראַנקהייטען אנטשטייען צוליב אבסטרוקציע.

א קראַנקער מאָגן איז די וויכטיקסטע סיבה פון אנטשטיין פון קראַנקהייטען, — פאַראומרייניקט דאָס בלוט און שאַפט א שלעכטע שטאָף־וועקסלונג.

ZIOŁA Z GÓR HARCU

D-ra LAUERA

ווי עס האָבען פעסטגעשטעלט די גרעסטע דאָקטוירים. זענען אַן אידעאַל מיטל פאַר געזונט מאַכען דעם מאָגן, באַזייטיקן אבסטרוקציע. זענען א לייכט ווירקענדיקע־מיטל. פאַרלייכטערן די אויפגאַבע פון די פאַרדייאונג־אָרגאַנען, פאַרשטאַרקן דעם אָרגאַניזם און וועקן דעם אַפּעטיט.

ZIOŁA Z GÓR HARCU D-ra LAUERA באַזייטיקן די ליידן פון לעבער, נירן, גאַלשטיינער, העמאָרוידן־ליידן, רעומאַטיזם, און אַרטעריאָסקלעראָז.

די פּרייז פון א שאַכטעל 1.50 זל.;

א דאָפּלט־שאַכטעל 2.50 זל.

צו באַקומען אין אַפּטייקן און אַפּטייק־סקלאַדן.

עגזיסטירט פון 1898 יאָהר.

אין דער גוט־בעקאַנטער דרוקעריי פון

ב. באַטשאַן

1 אַלעע 6
טעלעפאָן 22-01.

ווערט אויסגעפיהרט אַלערהאַנט דרוק־אַרבייט, ווי:

אַפישען	בריעפבויגען	חתונה־קאַרטען
בראָשורען	קאָפּערטען	קוויטאַריושן
פלוג־צעטלען	פאָסט־קאַרטען	קלעפּסידרעס

א. ד. גל. ביליגער ווי איבעראַל.

בעמערקונג: קלעפּסידרעס ווערען אויסגעפערטיגט און אויסגעקלעבט אין משך פון 1 שעה.

זיי האָבען אויף זיך גענומען אַ חוב.

ווי ס'איז שוין בעקאַנט פון דער היגער פרעסע, איז פערגאַנגענע וואָך צונויפגערופען געוואָרען אין דער וואוינונג פון היגען רב אַ זיצונג פון פאַרשטעהער פון דער קהלה, „דאַבראַטשינגאַשטש", „בית-לחם", תומכי-עניים" און עטליכע געזעלשאַפטליכע טהוער, כדי צו שאַפען אַ גרויסע זאַמעל-אַקציע פאַר די טשענסטאָכאָווער אָרימע בכבודיגע יודען.

דער חשובער רב, לויט וועמענס איניציאַטיוו די דאָזיגע קאָנפערענץ איז צונויפגערופען געוואָרען, האָט ערקלערט אַז היות, ווי די נויט אין דער יודישער גאַס איז אומגעהויער גרויס, איז נויטיג, אַז די זאַמעל-אַקציע זאָל אָרגאַניזירט ווערען אויפ'ן ברייטען מאַסשטאַב און עס זאָלען אנטיילנעמען אויסער די צוויי אינסטיטוציעס אויך מענשען, וועלכע קענען אויף דעם געביעט עפּיס לייסטען. די פאַרשטעהער פון „דאַבראַטשינגאַשטש" און „בית לחם" האָבען אָבער ערקלערט, אַז היות ווי זיי פערנעמען זיך יעדען ווינטער מיט אַזאַ אַקציע, וועלען זיי דאָס אויך הייאָהר מאַכען און מען זאָל זיי נישט אַרויסנעמען די איניציאַטיוו פון דער האַנד.

ס'פערשטעהט זיך, אַז קיינער האָט נישט דאַגעגען, אדרבה, מה טוב ומה נעים, אויב די צוויי פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס האַלטען, אַז זיי זענען אימשטאַנד די דאָזיגע זאַמעל-אַקציע אַליין צו אָרגאַניזירען, זאָל עס זיי וואויל בעקומען, זאָל עס פערשריבען ווערען אויף זייער נאָמען. דאָס אָבער איז זיי, די אינסטיטוציעס, מחייב אויסצופיהרען די דאָזיגע אַקציע אין גאַנצע הונדערט פּראָצענט און זאָלען זיי געדענקען, אַז די אַקציע אויף דעם היי-יאָהריגען ווינטער מוז זיין אַ גרויסע, ווייל פון פאַראיאָהרען ביז היינט זענען, צו אונזער גרויסען בעדויערען, צוגעקומען אַ סך אָרימע בכבודיגע, וועלכע מען מוז העלפען, אויב מען וויל ערפילען די אויפגאַבען, וועלכע מען האָט אויף זיך גענומען.

ווי מען אינפאָרמירט אונז, האַלטען די דאָזיגע געזעלשאַפטען אָב בעראַטונגען, כדי צו אָרגאַניזירען די אַקציע. בלייבט אונז נישט מעהר ווי אויפמערקזאַם צו מאַכען, אַז די אַקציע דאַרף זיך שוין אָנהויבען. דער ווינטער שטעהט הינטער דער טהיר און די נויט איז זעהר גרויס און דער עיקר, אַז די אַקציע זאָל זיין אַ געהעריגע און אין דער פולער מאָס.

ש.

שמועסען, וואָס פערדינען פערצייכענט צו ווערען

(כמו-בעריכט).

קודם-כל אַ האַרציגען יישר-כח דעם איניציאַטאָר פון דער העברעאישער סעקציע ביים לינגוויסטען-קלוב. עס פיהלט זיך שוין פון לאַנג אַ נויטווענדיגקייט פון אַזאַ מין קרייז אין אונזער שטאָדט. פיעל מאָל איז שוין אַזאַ קרייז געשאַפען געוואָרען אין טשענסטאָכאָוו, ער האָט אָבער, ליידער קיין אריכות-ימים נישט געהאַט. לאָמיר האָפען, אַז דאָסמאָל וועלען די טשענסטאָכאָווער העברעאיסטען גרופירען זיך אַרום דער דאָזיגער סעקציע, אַזוי, אַז זי זאָל קענען פיעל לייסטען פאַר דער העברעאישער קולטור אין אונזער שטאָדט.

איצט צום עצם ענין.

דיר. דר. ליליען האָט שבת-צו-נאַכטס געהאַלטען אַ גייסטרייכען רעפעראַט אַ. ד. ט. „דור הולך ודור בא" אין היגען לינגוויסטען-קלוב. אין אַ שעהנער פאָרם האָט ער ענטוויקעלט די דאָזיגע טעמאַ. אונצעהליגע מאָל האָט ער אונטערגעשטראָכען, אַז דער איינציגער גורם אין דער געשיכטע איז נור די לאַנגזאַמע ענטוויקלונג און קיין קפיצות הדרך איז אין דער געשיכטע נישטאָ. ער האָט בעגרינדעט מיט פערשידענע היסטאָרישע פאַקטען, אַז דער יונגער דור נעמט תמיד איבער בירושה די גייסטיגע אוצרות פון פאָריגען דור. די פּסיכאָלאָגיע ווייסט נישט פון קיין געזעץ פון שאַפען אַ יש מאין — אַלץ איז שוין פריהער געווען און אַ פּלאַץ פאַרנומען. דער נייער דור פאָרמט נאָר ווייטער דאָס אַלטע צוגעבענדיג אַליין גאַנץ ווייניג.

די גאַנצע מענשליכע היסטאָריע שטעלט מיט זיך פאָר אַן ענטוויקלונגס-פּראָצעס, וועלכער מאַכט אַדורך זיינע פערשידענע עטאַפּען אין אַ לאַנגזאַמען טעמפּאָ.

איבערגעהענדיג צו די פּראָבלעמען פון דער יעצטיגער יודישער אויפלעבונגס-תקופה, האָט ער אויסגעדריקט געוויסע ספקות בנוגע דער יוגענד, וועלכע, לויט זיין מיינונג, שפּינט נישט ווייטער די קולטור פון די אבות, אַזוי, אַז עס דראָהט חלילה טראָץ אַלעם אַ אַסימילאַציע-סכנה.

עס האָט זיך ענטוויקעלט אַ דיסקוסיע אַרום דעם דאָזיגען ענין. פּראָפ. יאַנאָווסקי בעהויפּטעט, אַז די דאָזיגע טראַגעדיע נעמט זיך דערפון, וואָס די יוגענד דערווייטערט זיך פון דער אַלטער יודישער קולטור און געהט נאָך די פערשידענע געזעלשאַפטליכע פּאָליטישע בעוועגונגען ביי די אומות-העולם.

א. ה שיפער אָפּאָנירט דעם דיר. ליליען און הייזט אויף, אַז די גאַנצע געשיכטע צייכענט זיך דווקא אויס, מיט איהרע פערשידענאַרטיגע קפיצות. אַלס בולט'ע אילוסטראַציע נעמט ער דאָס יהדות גופא. ער זאָגט: אַז עס איז אַ ווייטער מהלך צווישען פערשידענע טיילען אינ'ם תנ"ך, פון איין נביא ביז'ן צווייטען. דער תלמוד, צום ביישפּיעל, האָט שוין גאַנץ אַנדערע וועלט-אַנשויאונגען ווי די נביאים א. א. וו., א. א. וו. וואָס שייך דער יוגענד איז דער דיפערענץ פון היינט און אַמאָל פאָלגענדער: פערצייטענס האָט די גאַנצע יוגענד געהאַט איין פּראָגראַם — די תורה, די אמת'ע יודישע קולטור, פון וועלכער דאָס אַלטע און יונגע דור האָבען זייער יניקה געהאַט, אַלע האָבען פון דער אור-קוואַל געשעפּט. היינט דאַגעגען איז דאָס יהדות צושפּליטערט געוואָרען אויף אַזוי פיעל פּאַרטייען, אַז יעדע פון זיי האָט איהר בעזונדערע תורה, איהרע בעזונדערע דרכים.

דר. הירשבערג איז מסכים אין אַ געוויסער מאָס, מיט ה' שיפער'ס בעהויפּטונגען און גיט-צו, אַז נור די רעליגיעז - נאַציאָנאַלע אויפפאַסונג פון יהדות קען געזונד מאַכען דעם גייסטיגען מצב פונ'ם יונגען דור.

פּראָפ. מאיראָוויטש זאָגט, אַז מ'קען נישט האָבען קיין פּרעטענסיעס צו דער יודישער יוגענד, וואָרום זיין גייסטיגער פּרצוף פורמט און געשטאַלטיגט זיך ערשט. ער האָט נאָך נישט בעקומען זיין אויסקריסטאַליזירטע פאָרם און מ'וועט וועגען איהם ערשט קענען רעדען ווען ער וועט בעקומען אַ סטאַבילען פּרצוף.

ה' ל. קאַפּינסקי זעהט נישט פאַר קיין שום סכנה, וואָס דראָהט דער יודישער יוגענד. ער זעהט ביי איהר אַ נאַטירליכען איבערגאַנגס-פּראָצעס. ער בעהויפּטעט, אַז ביי די אומות-העולם קומט פאָר פונקט דאָס זעלבע, וואָס ביי אונז יודען, מען קאָן נישט פאָדערן, אַז די יודישע יוגענד זאָל זיין אַנדערש. פריהער אָדער שפּעטער וועלען זיי שוין ממילא זיך אויסקריסטאַליזירען.

ה' דאַנציגער האַלט, אַז דער יונגער דור מוז זיך זעלבסטשטענדיג זוכען נייע דרכים, וואָרום זיי זענען ערצויגען געוואָרען אין „חדר"-גייסט און ווילען דורכאויס אַראָבוואַרפען פון זיך די דאָזיגע קייטען.

די הויפּט-פּראַגע איז געווען: „לאָן?" וואו איז דער אויסוועג?

לויט מיין מיינונג איז קיין אַנדערע תרופה נישטאָ, נור צוריק צו דער שויס פון דער ריינער טראַדיציאָנעלער יודישקייט, צוריק צו אונזערע אַלטע קולטור-אוצרות. מיר קענען אויף קיין פאַל נישט אַננעמען די סיסמא פון: „נהיה ככל הגוים", ווייל נור פון אונזערע גייסטיגע רייכטימער, פון די דאָזיגע קוואַלען, וואָס אונזערע אבות האָבען געשעפּט, דאָרט קענען מיר געפונען אַ באַלזאַם פאַר דער גייסטיגער צובראָכענקייט פונ'ם יודישען פאָלק.

די ריבה איז דורכאויס נישט דער אַמאָליגער „חדר". פערקעהרט: דער הויפּט-גורם איז דער אונטערגאַנג פון אַמאָליגען חדר — היינט האָבען מיר שוין גאָט-זיי-דאַנק אַ גאַנץ פון פערשידענע יודישע נאַציאָנאַלע שולען. אמת, די היינטיגע יוגענד קען אפשר אויך מעהר העברעאיש, ווי אַמאָל, פונדעסטוועגען זענען פאַר זיי אונזערע אַלטע קולטור-אוצרות פרעמד.

ס'וואָלט געווען געוואונשען, אַז אַזעלכע שמועסען זאָלען וואָס עפטער פאָרקומען.

ב. ווייגבערג

דער כנוס פון „תורה ועבודה" אין טשענסט.

זונטאָג, דעם 28 אָקטאָבער איז אין אונזער שטאָדט פאָרגעקומען דער לאַנג-ערוואַרטעטער כנוס פון די סניפים פון תנועת תורה ועבודה מיט דער בעטייליגונג פון אַ גרעסערער צאָהל דעלעגאַטען פון סאָסנאָוויץ, בענדין, זאַווערטשע, ווילען, זלאָטשעוו, קלאָבוצק, ראַדאָמסק, קעלץ, וולאָשטשאָווא, זשאַריק, אָלקוש, קאַטאָוויץ, פּושעדבאָזש, טשעלאַדזש, סטרזעמיעשיץ. פּילץ, מישקאָוו.

דער כנוס האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַ פייערליכער אַקאַדעמיע אין קינאָ „אַטלאַנטיק", אין וועלכער עס האָבען זיך אויך בעטייליגט די פאַרשטעהער פון כמעט אַלע היגע אָרגאַניזאַציעס. געעפענט די אַקאַדעמיע האָט דער יו"ר פון תורה ועבודה ש. וולאָדאַווסקי. עס האָבען בעגריסט צווישען אַנדערע: דער היגער רב שליט"א, דער יו"ר פון מזרחי י. ש. קאַבלינג, ד"ר בראַם אין נאָמען פון אגודת הציונים, ה' ש. ניעמיראָווסקי פון רעוויזיאָניסטען - פערבאַנד, רוזיעוויטש פון די מדינתיים.

עס טרעט דאַן אַרויס מיט אַ געלונגענעם רעפעראַט דער פּרעזעס פון תנועת תורה ועבודה אין פּוילען הרב א. נייפעלד און דער כאָר אונטער דער לייטונג פון דיר. ראַטענבערג פיהרט אויס שעהנע העברעאישע און יודישע געזאַנג-נומערן.

דעמזעלבען טאָג 4 נאָכמיטאָג איז אין אייגענעם לאָקאַל פאָרגעקומען דער אייגענטליכער כנוס אונטער'ן פאָרזיץ פון ה' ש. קאַבלינג, אַלס סעקרעטאַר ה' יעקב ווייצמאַן, אין פּרעזידיום: העניעק (פּושעדבורז), בלום (סאָסנאָוויץ), יונגסטער (סאָסנאָוויץ), רובינשטיין (זאַווירטשע) און פּר. פּראַהמאַן (זאַווירטשע).

עס רעפערירט וועגען עליה און הכשרה ה' גרינבערג פון וואַרשא, וועלכער בעריכטעט ווי שווער עס איז היינט פאַר דער יוגענד צו בעקומען אַ סערטיפיקאַט. ער גיט אָבער אינפאָרמאַציעס ווי אַזוי, וועניגסטענס לויט די מעגליכקייטען, די זאַך צו פערבעסערן, איבערהויפּט נוצען עס ווייניג אויס די האַנדווערקער. עס ווערט פּראָיעקטירט אויפצופאָדערן און צו אָרגאַניזירען די האַנדווערקער צו רעאַלע שריט וועגען עליה.

עס קומען דאַן פאָר די בעריכטען פון די סניפים, פון וועלכע עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער סניף אין טשענסטאָכאָוו שטעהט כמעט העכער פון אַלע סניפים, הן אויפ'ן קולטורעלען געביט, הן אין אַלע געלד-אַקציעס.

אין די דיסקוסיעס נעמען אַנטייל די ה"ה: העניעק (פּושעדבאָרז), פּאַמעראַנץ, שטיינהאַרט, דאַנציגער, יונגסטער (פון טשענסטאָכאָוו), בלום, נאַרציז (סאָסנאָוויץ), רובינשטיין, רייזען (זאַווירטשע) ראַפּאַפּאָרט (ראַדאָמסק), באַבראָווסקי (ווילען), ליבערמאַן (קעלץ).

עס רעפערירט נאָך וועגען די אויפגאַבען אין דער צוקונפט און וועגען דער נאָהנטסטער לאַנדעס- קאָנפערענץ ה' שמואל קאַבלינג.

מיט די געזעגענונגס-רעדעס פון הרב נייפעלד און ה' גרינבערג ווערט דער כנוס פייערליך 3 אַ זייגער ביינאַכט געשלאָסען.

עס וועט נישט זיין קיין שטייער פון אַלטע בחורים.

דאָס פינאַנץ-מיניסטעריום האָט אַדורכגעפיהרט געוויסע פאָרשונגען וועגען דער מעגליכקייט צו רעאַליזירען דעם שטייער פון אַלטע בחורים און קינדערלאָזע פאָר-פּעלקער.

די גענויע פאָרשונגען, וועלכע דאָס פינאַנץ - מיניסטעריום האָט אַדורכגעפיהרט, האָבען בעוויזען, אַז דער רעזולטאַט פון דאָזיגען שטייער וואָלט געווען אַ מינימאַלער. אין אַ געוויסער מאָס איז מאַסגעבענד דער מיליטערישער שטייער, פון וועלכען די הכנסות זענען אונבעדייטענד.

נעמענדיג דאָס אין אַכט, קאָן מען שוין זאָגען, אַז דער ענין פון איינפיהרען דעם שטייער פון בחורים און קינדערלאָזע פאָר-פּעלקער האָט אויפגעהערט צו זיין אַקטועל, אויבוואָהל די מאַסגעבענדע פאַקטאָר'ען האָבען נאָך נישט אָנגענומען קיין בעשלוס וועגען דער אַנגעלעגענהייט.

מען זאַמעלט זיך...

הפנים, ס'איז נישט פרעהליך אין יודישען וועלטיל. אַז איך האָב רעכט איז דער בעסטער בעוויז, דאָס לעצטענס האַלט מען זיך אין איין זאַמלען און נישט בלויז וואו עס איז ויהי איז אַ צרה, נאָר וואו עס איז אַ פערזאַמלונג איז נאָך אַ גרעסערע צרה... לך כנוס את כל היהודים — געה זאַמעל איין אַלע יודען — האָט אסתר בעפוילען צו מרדכי'ן, בעת דער חלף איז געלעגען אויף די העלזער פון די יודען צוליעב המנ'ס גזירה, האָט מען גערופען אַ פערזאַמלונג פון יודען און פון דאַמאָלס אָן זענען די פערזאַמלונגען דער אויסדרוק פון אַלע צרות, וואָס קומען אויף דער מענשהייט און בפרט אויף יודען.

קיינמאָל פריהער זענען, דאַכט זיך, נישט פאָרגעקומען אַזוי פיעל פערזאַמלונגען, ווי די לעצטע יאָהרען און וואָס גרעסערע צרות עס קומען אויף אונז, אַלץ מעהר פערזאַמלונגען מאַכען מיר.

פאַר דער מלחמה זענען איבערהויפּט קיין פערזאַמלונגען נישט פאָרגעקומען, האָט מען זיך טאַקי געלעבט רוהיג, במנוחה, נאָר נאָך די מלחמה'דיגע אומגליקען, ווען די וועלט איז צוטרייסעלט געוואָרען און ס'האָבען זיך אָנגעהויבען די אמת'ע צרות, זענען באַלד מיט זיי צוזאַמען געקומען די פערזאַמלונגען.

אָנגעהויבען האָבען זיי זיך ביי די ערשטע שטאָדט-ראַט וואַהלען אין 1916 און אַזוי כסדר ביז'ן היינטיגען טאָג. וואָס מעהר קריזיס, וואָס מעהר דלות און קלאַפּאַטען, אַלץ מעהר פערזאַמלונגען. און טאַקי צוריק אויך. וואָס מעהר פערזאַמלונגען, אַלץ אַ גרעסערער חורבן.

די דאָזיגע געדאַנקען זענען מיר געקומען אין דער מחשבה, ווען כ'האָב געלעזען די בעריכטען פון די לעצטע פערזאַמלונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען היינטיגע וואָך.

אונזער קהלה - קדושה האַלט לעצטענס אין איין פערזאַמלען זיך, דאָ די פערוואַלטונג און טאַקי באַלד דער ראַט. מיינט איהר דאָך אודאי, אַז דאָס איז פאַר נחת, האָט איהר אַ גרויסען טעות. דער קריזיס אין דער קהלה איז גרויס, מען דאַרף שאַפען געהעריגע הכנסות, אַז נישט איז פּאַסקודנע. זאַמעלט מען זיך, מען טראַכט, טאָמער וועט דאָס העלפען.

אין וואַרשא זענען די וואָך פאָרגעקומען צוויי צוזאַמענפאָהרען פון די קאָאָפּעראַטיווע בענק: איין צוזאַמענפאָהר פון רעוויזיאָנס - פערבאַנד און דער אַנדערער פון די אגודה-בענק, טאָ וואָס האָט מען דאָרט גערעדט און צו וואָס מיינט איהר האָט מען זיך פערזאַמעלט? כדי צו צעהלען די רווחים?

פאַר אַזאַ פרייער האַלט איך אייך נישט, מען האָט זיך פערזאַמעלט כדי צו טראַכטען אַן עצה, וואָס צו טהון מיט'ן ביסעל יודען, וועלכע זענען פעראָרימט געוואָרען און אויף וועמען עס געהט אַ גרויסע, שרעקליכע צרה; די האַנדווערקער און קליינהענדלער ליידען גאָר שטאַרק פון דאָזיגען קריזיס און נאָר די הלוואות און קרעדיטען פון די פאָלקס בענק קענען זיי העלפען. און ווידער: אויב די בעלי - מלאכות און קליינע סוחרים זענען אָרים, טאָ ווי אַזוי קען מען זיי באָרגען געלד. די בענק קענען דאָך דאַן ווערען אויס בענק און אַ סוף צו אַלעם. האָט מען זיך געזאַמעלט און מען האָט גערעדט און גערעדט. וואָס פון דער פערזאַמלונג איז געוואָרען געהט מיך נישט אָן, ווייל נישט איך און אויך איהר קאָנט דאָ גאַרנישט העלפען. איך האָב נאָר געוואָלט בעווייזען, אַז די פערזאַמלונגען זענען דער אויסדרוק פון צרות.

אויך איז אין וואַרשא די וואָך פאָרגעקומען אַ גרויסע פערזאַמלונג פון צ. ק. פון האַנדווערקער-פערבאַנד, וואו מען האָט גע'משפּ'ט דעם פּרעזעס חיים ראַסנער. טאָ וואָס מיינט איהר, איז דאָס נישט קיין צרה? ווי איהר ווייסט האָבען די יודישע האַנדווערקער אַ צרה, וואָס רופט זיך צעכען - געזעץ. האָט זיך געשאַפען אַ קאָמיטעט און גערופען פערזאַמלונגען, (זעהט איהר. אַז ביי יעדע צרה איז דאָ אַ פערזאַמלונג...) כדי מתעורר צו זיין דאָס ביסעל אָבגעלאָזטע בעלי-מלאכות, זיי זאָלען זיך פערזאָרגען מיט האַנדווערקער-קאַרטען. זענען זיי, די דאָזיגע קאָמיטעט-לייט חושד ראַסנער'ן, אַז ער האָט זיצענדיג אין פערבאַנד פון די האַנדווערקער-קאַמערן אונטערגעשריבען אַ געזעץ, אַז יונגערע פון 30 יאָהר זאָלען נישט קאָנען בעקומען קיין האַנדווערקער-קאַרטען און נאָך אַזעלכע „קלייניגקייטען". נו, נו, האָט מען דאָרט אויפ'ן צ. ק. צוזאַמענפאָהר דאָס ביסעל גערעדט און פון די רייד האָט זיך בעקומען, אַז מיר יודען ליגען גיין איילען אין דער אדמה, אַז אויב מיר ווערען אַרויסגעשטויסען פון האַנדעל, מען לאָזט אונז נישט צו צו קיין פרייע פּראָפעסיעס, וועט מען אויך אין דער צוקונפט קיין בעלי-מלאכות נישט האָבען.

אויך אין טשענסטאָכאָוו האָבען מיר די וואָך געהאַט אַ פערזאַמלונג. ס'האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט די יוגענד-אָרגאַניזאַציעס פון „מזרחי" און גערעדט פון יודישע צרות און גלייכצייטיג זיך געטרייסט, אַז דאָס יודישע לאַנד וואַרט אויף אונז, אַז מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען פון גלות און צוזאַמען דערמיט וועלען מיר פּטור ווערען פון אַלע פּרעניות און צרות. אפשר איז דאָס געווען די איינציגע פּאָזיטיווע פערזאַמלונג. עס איז אָבער אויך אַ פועל-יוצא פון די צרות, וואָס מיר האָבען, וואָרום, ווען מיר וואָלטען נישט געווען אין גלות, וואָלט מען זיך דאָך נישט געדאַרפט פערזאַמלען צו רעדען וועגען דער גאולה.

זעהט איהר, אונזער אַנטי-היטלער-קאָמיטעט זאַמעלט זיך שוין נישט. הפנים אַז היטלעריאַדע איז שוין נישט קיין צרה, וואָרום דער אַנטי-היטלער-קאָמיטעט איז איינגעשלאָפען. ווי אַ היהנדעל, נישט טהוענדיג אפילו קיין פּיפּס. איי, מיר ווייסען דאָך, דאָס היטלער איז די גרעסטע יודישע צרה פון אַלע צרות, נאָר ווי ס'ווייזט אויס, ליידען נישט די מיטגלידער פון אַנטי-היטלער-קאָמיטעט פון היטלער'ן, האָבען זיי דעריבער פערגעסען, אַז ער איז אַ צרה, נישט דאָס אָבער בין איך אויסען...

ווי איהר זעהט, זענען נאָך בזמן הזה די פערזאַמלונגען דער אויסדרוק פון אונזער אומגליק, פון אונזער צושפּליטערקייט.

אָה, ווען עס וואָלט געקאָנט קומען צו דער גרויסער פערזאַמלונג פון ויעשו כלם אגודה אחת, אַז ביי יודען זאָל זיין אחדות און שלום, וואָלט עס געווען די אמת'ע פערזאַמלונג, וואָס וואָלט פעראורזאַכט, אַז ס'זאָלען איבערהויפּט מעהר נישט זיין קיין פערזאַמלונגען. דערווייל אָבער האַלט עס ליידער נאָך נישט דערביי. דערווייל איז נאָך ביטער, דערווייל זאַמעלט מען זיך נאָך...

סמאַל

לאָמיר היטען די וואפען פון זשאַוואָער.

די פערשידענע טיפען ברעכער פון באָיקאָט

פון ד"ר א. מוקדוני.

אַלע זענען זיכער, אַז יודען האבען עס אַרומגעצוימט דייטשלאַנד מיט די אייזערנע ווענט פון באָיקאָט.

איז דאס אפילו נישט מעהר ווי אַ שעהנער ליגען.

דער טרויעריגער פאַקט איז, אַז בייפרעמדע איז דאָ אַ סך מעהר איינינגקייט בנוגע דעם באָיקאָט געגען היטלער'ן ווי ביי אונז, יודען, די אמת'ע בעלי-דבר'ס.

אין אונזער באָיקאָט-בעוועגונג זענען דאַ ריסען, געוואַלד-ריסען.

דורכגעריסען איז דער באָיקאָט דורך 3 קליינע גרופעס.

לאָמיר אָנהויבען פון די עהרליכע, פון די גוט-מיינענדיגע און פון די אידעאַלסטע דורכרייסער פון באָיקאָט.

אַ גרויסע גרופע פון די דייטשע יודען אין אויסלאַנד איז טיילווייז פאַסיוו און טיילווייז אגרעסיוו געגען באָיקאָט.

דאס זענען די בעלי - תשובה.

דאס זענען יודען, וואס דער היטלעריזם האט זיי אויפגעוועקט פון טיפען שלאָף אין א פרעמדער וועלט און זיי געבראַכט אין דער ביטערער יודישער ווירקליכקייט.

זענען זיי אַרויפגעפאַלען דער טרויריגער יודישער ווירקליכקייט אויפ'ן האַלז, זיי ווילען זיך גאַרנישט מיט איהר שיידען, פערקעהרט, זיי נעהמען איהר אָן ווי די שענסטע ליכטיגסטע ווירקליכקייט.

עס איז אַ ווירקליכקייט פון יסורים און יסורים רייניגען, שענערן און לייטערן דעם מענש...

יודען זענען די בעסטע מענשען אויף דער וועלט, ווייל זיי ליידען, ווייל זיי האבען געליטען.

די דאזיגע דייטשע יודען האבען לחלוטין גאַרנישט געגען היטלער'ן, פערקעהרט ער איז געווען דער גורם צו ברענגען זיי צוריק אין שויס פון ליידענדיגען יודישען פאָלק.

סטעפאַן צווייג פיהרט די דאָזיגע ליניע.

דאס זענען די, וואס זענען מקבל באהבה די גרויסע יסורים, וואס אַדאָלף היטלער האט פערשאַפט דעם יודישען פאָלק.

דאס זענען די קרבנות פון היטלעריזם און מיט קרבנות דאַרף מען זיין זעהר פאָרזיכטיג.

דער צווייטער דורכריס, אַ סך אַ גרעסערער און אַ סך אַן ערנסטערער אין אונזער באָיקאָט-איינינקייט איז געמאכט געוואָרען דורך דעם ארץ-ישראל-דיגען ישוב.

דער ארץ-ישראל'דיגער ישוב האט מתיר געווען די דייטשע יודען צו נעמען ביי היטלער'ן דייטשע סחורה פאַר זייער געלד, וואס די נאַציס האבען מיט זייערע רויבערישע הענד פערכאַפט.

ארץ-ישראל איז געוואָרען דער מאַרק פאַר די דאָזיגע דייטשע סחורות.

וויל איך דאָ פאַר קיין פאַל נישט אריינלאָזען זיך אין דער שקלא וטריא, צי האט דער ארץ-ישראל'דיגער ישוב רעכט געטהון, צי נישט.

דאָ האַנדעלט זיך וועגען דער הילף וואס די דייטשע יודען האבען בעקומען דורך דעם דורכרייס. קיינער איז נישט געגען הילף פאַר די דייטשע יודען, דאַ האַנדעלט זיך וועגען דעם דורכריס גופא, ד. ה. וועגען זיין שלעכטער מאָראַלישער ווירקונג אויף דער איינינגקייט פון באָיקאָט.

און ווען איהר לייגט אַוועק אויף איין וואָג די הילף, וואס די דייטשע יודען האבען בעקומען דורך דעם דורכריס און אויף דער אַנדערער וואָג די שלעכטע מאָראַלישע ווירקונג אויף דער באָיקאָט-איינינקייט, וועט די לעצטע זיכער איבערוועגען.

דער קלענסטער און גערעכטסטער היתר שאַדט דעם איסור.

דער הארבסטער איסור ווערט אומגעוואָרפען פון דעם שוואַכסטען היתר.

―――――

נאָך די אַזוי-גערופענע ספּעציעלע דורכרייסער, נאָך די גוט-מיינענדיגע און עהרליכע דורכרייסער פון באָיקאָט קומען איינצעלנע, וואס הענגען זיך אָן אויפ'ן היתר פון די גוט-מיינענדיגע.

עס איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז אַ סך יודען האָבען נאָך נישט בעוויזען אָבצוקניפען זיך פון דייטשען האַנדעל, אַ סך האבען נאָך נישט בעוויזען אויפצוזוכען אַ לאַנד, וואס קען פראָדוצירען דיזעלבע אַרטיקלען וואס דייטשלאַנד.

און די דאזיגע יודען זענען גראַד נישט די ווייטע, די אָבגעפרעמדטע, ניין, די מייסטע, וואס רייסען דורך דעם באָיקאָט זענען גראַד אויך נאָהנטע און היימישע.

זיי, די נאָהנטע האָבען דערשמעקט דעם היתר פריהער פאַר אַלעמען, זיי האָבען זיך אויף איהם אַרויפגעוואָרפען ווי אויף אַן'אבן-טוב.

וויבאַלד היתר איז היתר.

און נאָך די דאָזיגע דריי גרופּעס קומען שוין די דראָבנע חברה-לייט, וואָס גנב'ענען ביים באָיקאָט עטליכע טוץ דייטשע זאָקען, עטליכע שאָק קעמעלעך און אַנדערע ביליגע חפצים פון דייטשער פאַבריקאַציע.

דאָס איז אונזער שטוב-גנב, וואָס פון איהם, זאָגען גוטע בעלי-הבית'טעס, קען מען זיך נישט איינהיטען.

אָבער פון דעם שאָדען, וואָס די אויבערשטע דריי גרופּעס ברענגען דער איינינגקייט פון אונזער באָיקאָט-בעוועגונג האָט מען זיך יאָ געקאָנט פערהיטען.

עס איז נאָך נישט שפּעט, מיר זענען נאָך נישט פערטיג מיט היטלער'ן, דער באָיקאָט וועט נאָך דויערען יאָהרען און יאָהרען, קען מען נאָך איצט שאַפען אַ אָרגאַן, וואָס אַלע פראַגען פון באָיקאָט-פּראַקטיק זאָלען געבראַכט ווערען פאַר איהם.

מיר האבען אַ גוט געוועהר געגען בלוטיגען שונא אונזערען, ער קאָרטשעט זיך דער שונא אונטער די שווערע קלעפּ פון באָיקאָט, ער בעריהמט זיך נאָר, אַז ער וועט הונגערן מיט פרייד, אַז ער וועט אַריבערטראָגען קעלט מיט חדוה און טויזענד יאָהר וועט ער שטעהן בלוטיג געגען אונז.

ער איז אויף ביטערע צרות.

און לאָמיר היטען דאס וואָפען אונזערס פון זשאַוואָער, לאָמיר עס האַלטען ריין.

עס איז אַ זעהר איידעל וואָפען, מען קען עס לייכט צוברעכען.

דער שונא דרימעלט נישט, ער זוכט מיטלען צו צוברעכען אונזער עקשנות, צו בייגען אונזער מוט.

זעהט, די ערד אונטער אונזערע פיס, האט דער שונא אָנגעצינדען, זעהט, ער שפּריצט זיין גיפט איבער דער גאַנצער וועלט. זעהט, ער וויל אונז ענג מאַכען אויף גאָט'ס גרויסער ערד.

דער יעצטיגער קאַמף מיט'ן דריטען רייך איז אַ קאַמף אויף טויט און אויף לעבען.

מיר טאָרען דעם קאַמף נישט פערלירען!

דאַרפען מיר זיך האַלטען ביים באָיקאָט-וואָפען אַלע ווי איינער.

עפּנען שפּאַרונעס טאָר קיינער נישט אויף זיין אייגענער אחריות, קיין היתרים מאַכען זיך טאָר קיינער נישט אויף זיין אייגענער פעראַנטוואָרטליכקייט.

צבי קאנטאָר (בן-יהודה), ווארשא.

א נייע תקופה אין ציוניזם.

שוואַך, מיעד, פערמאַטערט און אויסגעמוטשעט פון די אונגעהויערע שווערע קאַמפען אינערהאַלב דעם ציוניסטישען לאַגער – שטעהען מיר אויף, אָבער נעמענדיג די צייטונגען אין דער האַנד אַריין בליצען אַדורך פאַר אונזערע אויגען גרויסע קידוש-לבנה-אותיות, וועלכע זאגען אונז אָן די בשורה: „שלום אין דער ציוניסטישער בעוועגונג".

דאס האַרץ קלאַפּט שטאַרקער פאַר פרייד. די הענד ציטערן און דער מוח אַרבייט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. נאַפּאַמאָל געכאַפּט אַ בליק אין די שורות, זיי פערפינקלען פשוט דיינע אויגען, וועלכע דו גלויבסט נישט, אבער פאַרט מוזטו נאכגעבען, אַז אַזוי איז עס. צום בירגער-קריעג, צום ברודער-קאַמף האט געגומען אַ סוף. עס איז געקומען צו אַ פערשטענדיגונג צווישען דער עקזעקוטיווע און די רעוויזיאָניסטען און די שענדליכע קאַמפּף-מעטאָדען ווערען פערשוואונדען פון דער ציוניסטישער גאַס.

וואס איז דאַ געשעהן? קיינער פון אונז האט זיך דאָך נישט גערעכט, אַז לאָנדאָן זאָל אונז עפּיס געבען, בפרט איצט נאָך דער מעשה חיפה, ווען עס זענען פערוואונדעט געוואָרען 20 מאַן און צווישען זיי אויך ד"ר וואָלפגאַנג פאָן ווייזעל. אפשר איז דער דאזיגער אַקט געווען אַ שטויס-קראַפט צום שלום? אפשר זענען די לעצטע פאַסירונגען פון פיזישע געוואַלדטהאַטען געווען דער לעצטער אימפּולס צום שליסען דעם שלום-אָבמאַך?

און נאָך אַ זאַך: ווען די רעוויזיאָניסטען האבען אויסגעשטרעקט די האַנד צו שלום האט קיינער פון אונז נישט געוואָלט גלויבען, אַז מען וועט די האַנד אויפנעמען און עס וועט קומען צו דעם אַזוי לאַנג-געגאַרטען שלום, הגם אונזער האַרץ האט זיך געפרעהט, אַז אַ פאַרטיי האט מוותר געווען פון איהרע פאַרטיי-אַמביציעס און די ערשטע פאַרגעשלאָגען פרידען. אויך מצד די רעוויזיאָניסטישע קרייזען האט זיך געפיהלט אַ פעסימיסטישע שטימונג און ס'האט געהערשט אַ מיינונג, אַז די לינקע וועלען די אויסגעשטרעקטע האַנד לאָזען אין דער לופטען. והא ראיה, אַז אַזוי איז טאַקי געווען: פון יענע קרייזען האט מען געענטפערט מיט אַן אַטאַק דורך אַרטיקלען אין דער פרעסע, מען האט דעם רעוויזיאָניסטישען שלום-אָנבאָט פערשריגען אַלס פאָליטישען אָדער דיפּלאָמאַטישען מאַנעוור. לעצטענס האט מען בכלל אויפגעהערט וועגען דעם צו רעדען און דער, וואס האט נאָך געפּראַוועט צו דערמאַנען, אַז שלום איז מעגליך, איז פערשריגען געוואָרען אַלס מאַטעאָלאָג.

און דאָ פּלוצלינג—אומגעריכט האבען מיר בעקומען די זעהר-דערפרעהענדע ידיעה, אַז עס איז צושטאַנד געקומען אַ פערשטענדיגונג צווישען דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און די רעוויזיאָניסטען, וועלכעס שאַפט אַ ניי בלעטיל אין דער ציוניסטישער געשיכטע.

איבעראַל, וואו מען געהט און שטעהט הערט מען: אַ נס איז געשעהן! יעדער קאָמענטירט די דאָזיגע געשעהעניש לויט זיין נוסח. טייל קאָמענטאַרען איז זאַכליך, טייל איז באַנאַל, אבער וואס געהט אונז אָן קאָמענטאַרען? ווען מען אינטערעסירען נסים?

שלום האט געמוזט קומען! ווייל מיר זענען צופיעל ערשעפּט. מיר האבען צופיעל געזינקען אין דער בלאָטע, צופיעל זיך געטרינקט אין אונזער ברודער-בלוט. הגם צווישען זעהר פיעל פון אונז האט געהערשט די מיינונג, אַז עס איז אונמעגליך אַ שלום מיט די לינקע, איבערהויפּט נאָכ'ן גליקליכען סוף פון סטאַווסקי-פּראָצעס – איז אָבער געקומען אַן'ענדערונג אין די מיינונגען פון יענע מענשען, ווייל וואָלט דער דאָזיגער ברידער-קאַמף אָנגעהאַלטען נאָך אַ שטיקעל צייט, דאַן וואָלט אונזער גאַנץ אויפבוי-ווערק פּאַראַליזירט געוואָרען.

א נייע ערע איז געקומען אין ציוניזם און אויב עס זאלען נישט בלאָזען קיין בייזע ווינטען, וועט זיך אָנהויבען אַ נייע תקופה אין אונזער אויפבוי-ווערק. פאַר אונזערע אויגען דער לעגיסלאַטיוו-ראַט. פאַר אונזערע אויגען זענען געשטאַנען צוגעגרייט נייע גזירות. איצט וועלען מיר אַביסעל אָבאָטעמען, איצט וועט מען ווייטער קענען פיהרען די טאָג-טעגליכע אַרבייט רוהיג און אָהן האַרץ-קלאַפּעניש פאַר אַן'צוועטוועלען אָנפאַל. איצט וועט קאָנען צושטאַנד-קומען אַ ציוניסטישע פיירונג, אַ ציוניסטישער רעפעראַט און אַ מיטינג, וואס וועט נישט ווערען אויפגעריסען.

אונזער פּאָליטישער קאַמף וועט געפיהרט ווערען זאַכליך, מיט „הדר", אָהן געשלעגערייען און אָהן „פּערוואונדעטע". דאס איז אַ שריט פאָראויס ביים פערווירקליכען פון אונזער אידעע.

ציונים! שקל-צאָהלער און נישט שקל צאָהלער! קרן-קימת עסקנים און קרן תל-חי עסקנים! זייט רוהיג! די פויסטהערשאַפט איז פערשוואונדען. טהוט זיך יעדער אייער אַרבייט!

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

„טעג".

די יעניגע, וועלכע האָבען נישט געלערנט אין דער ישיבה ווייסען נישט, אַז אויסער טעג – אין דער פשוט'ער בעדייטונג, זענען נאָך פערהאַנען „טעג"; די לעצטע זענען אַן'אָבקומעניש, אַ צרה און נישט איינער פערווינשט זיך ס'לעכען אוליעב די דאָזיגע „טעג".

דאָס מין „טעג" איז אַן'אַלטע מכה, וואָס איז אָנגעגרייט פאַר די ישיבה-בחורים'לעך, וועלכע לערנען אין דער פרעמד. אָט די דאָזיגע יונגלעך, קומען לערנען אין דער אָדער יענער ישיבה, ווייט פון די עלטערן, מוזען זיי זיך דעריבער שאַפען ערגיץ צו עסען, ווי אויך צו שלאָפען; און היות ווי קיין געלד צו בעצאָהלען האָבען זיי נישט, ווייל פאָהרען לערנען אין אַ ישיבה פאָהרען מעהרסטענס אָרימע בחורים'לעך (רייכע פאָהרען אויך, אָבער זעלטען), שאַפען זיי זיך צו עסען יעדען טאָג אין דער וואָך ביי אַן'אַנדערען, און דאָס הייסט, אַז זיי עסען „טעג".

אַמאָל, ווען אין טשענסטאָכאָוו האָבען געלערנט עטליכע הונדערט בחורים פון דער פרעמד, האָבען זיי געגעסען „טעג"; שפּעטער אָבער איז דאָס אַ ביסעל שוואַכער געוואָרען. לעצטענס איז דאָס „טעג"-עסען ביי אונז אין שטאָדט ווידער געוואָרען אַקטועל.

ווי בעוואוסט, עגזיסטירט ביי אונז אין שטאָדט שוין מכמה שנים אַ ישיבה „כתר-תורה", וואו ס'לערנען ס'רוב פרעמדע בחורים (מערקווירדיג, אַז היגע בחורים פאָהרען אַוועק אין דער פרעמד לערנען אין די זעלבע ישיבות „כתר-תורה"). דאַן האָט זיך לעצטענס געשאַפען נאָך אַ ישיבה א. נ. „שפתי-צדיק". טאָ צו וואָס דאַרף מען האָבען נאָך אַ ישיבה, אינדערצייט, ווען די איינע שוין עגזיסטירענדע ישיבה האַלט זיך קוים-קוים אויס. נאָר דאָס איז שוין אַן'אַנדערע זאַך... אַלזוי, האַלטען מיר ביי די „טעג", וואָס די דאָזיגע יונגלעך עסען. עס ווענדט זיך אָבער, ווי אַזוי די, וועלכע גיבען די „טעג", פערשטעהן זייער חוב, וואָס ס'האָט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר'ן יונגעל, וועלכעס דאַרף אָנקומען צו אַ פרעמדען טיש: צי אַזאַ ישיבה-בחור'ל זאל זיין צופרידען פון זיין לעבען, אָדער ער דאַרף זיך פערשילטען זיינע יאָהר און טעג.

דערצעהלט מיר איינער אַ היגער בעל-הבית, אַז זייענדיג ביי זיינס א בעקאַנטען, האָט ער גראָד געטראָפען, ווען אַ בחור איז געקומען עסען אַ „טאָג". איז דאָס יונגעל געשטאַנען ביי דער טהיר און קיינער האָט זיך אויף איהם נישט אומגעקוקט, האָט ער זיך געפלאָנטערט אונטער די פיס און ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל איהם הייסען צוגעהן צום טיש. טרעהרען, הייסע, זידיגע טרעהרען זענען געריגען פון דעם פערשעהמטען יונגעל'ס אויגען, ביז ענדליך מען האָט איהם בעמערקט און מען האָט איהם אַזוי ווי אַן'איבעריגע זאַך געהייסען זיך געהן וואַשען...

ביטער איז נעביך אַזאַ יונגעל, ווען ער פאַלט אריין צו אַזעלכע מענשען עסען א „טאָג". ווען אָבער אזא יונגעל קומט עסען א „טאָג" צו אַן'אָרנטליכען בעל-הבית, נעמט מען איהם אויף בסבר פנים יפות, מען גיט איהם פון בעסטען און שענסטען, מען שמייכעלט צו איהם, אָט דאמאלס ווערט דאָס קינד אויפגעלעבט און ער גיט די בעלי-בתים טויזענטער ברכות.

אויך איך האָב אין מיין לעבען געגעסען „טעג" און פיהל דעם טעם פון אזא יונגעל, וועלכער פאלט אריין אין הויז, וואו צוליב דער שלעכטער בעציהונג פערגיסט מען אומשולדיג, ריין, קינדיש בלוט. ס'איז איהם געגנוג ביטער, אַז ער מוז אָנקומען צו אַ פרעמדען טיש...

איך האב אויפגעשריבען די דאָזיגע שורות, כדי צו דערמאנען די דאזיגע בעלי-בתים, אַז אויב זיי גיבען אַזאַ יונגעל אַ „טאָג" צו עסען, זאלען זיי געדענקען, אַז דער בחור איז אַ לעבעדיגער מענש און איז זעהר עמפּפינדליך אויף דעם, ווי אַזוי מען בעציהט זיך צו איהם און גלייכער איז, אַז מען זאָל איבערהויפּט נישט געבען קיין „טעג", איידער מען זאָל געבען אַ „טאָג" און איהם אַזוי „צורעכטמאַכען" ווי איך האָב אויבען געשילדערט.

נישט אַלע ווייסען, אַז אויסער די טאָג-טעגליכע דאגות, פריידען און ליידען איז אויך דאָ אַ פּראָבלעם, וואס רופט זיך „טעג"...

די „קרולאָווע" דאַרף האבען אַ שמירה.

אונזער „קרולאָווע יאַדוויגאַ" האט צו מיר טענות, הלמאי איך האַב געוואגט צו בעליידיגען איהר מאַיעסטעט און זי אָנרופען מאַניאַטשקע, אין דער צייט, ווען אַלע ווייסען, אַז זי איז די בעשטימטע קעניגין איבער'ן בידנע פאָלק ישראל. און היות זי האט מיך געסטראַשעט, אַז זי וועט מיך אויסשליסען פון איהר קעניגרייך, האב איך לאין ברירה זיך אונטערגעגעבען און אויך ווי אַלע משוגעים געמוזט מודה זיין, אַז זי איז טאַקי קעניגין און איך—איהר אונטערטאַן...

קומט אָבער צו געהן די קרולאָווע מיט אַן'אַנדערע טענה: היות ווי לעצטענס איז זעהר אין דער מאָדע צו מאַכען אַטענטאַטען אויף מלכים און הויכגעשטעלטע פערזענליכקייטען, האט זי מורא, אַז מען זאָל אויך אויף איהר מאַיעסטעט נישט מאַכען קיין בעוואָפענטען אָנפאַל. טאָ וואס ווילט איתר—פרעג איך זי אונטערטעניג: איך וויל—זאגט די מלכה—האבען א שמירה; זאָל מען מיר געבען געלד פון מלוכה-אוצר (פון איהרע קרן-קימת געלטער) און זי וועט זיך אַראָבברענגען איהר ברודער שלמה פון ווארשא, וועלכער וועט זי היטען.

היות ווי איך האב צוגעזאָגט אויסצופיהרען אַלע בעפעהלען פון דער קרולאָווע, ערפיל איך טאַקי איהר דאָזיגען בעפעהל און ווענד זיך צו די היגע כלל-טהוער, וועלכע פערוואלטען מיט'ן מלוכה-אוצר פון מלכה יהודית, אַז זיי זאָלען בעשטימען די געוויסע סומע אין בודזשעט, כדי אונזער קרולאָווע זאָל האבען אַ שמירה און זאָל זיין זיכער, אַז מען וועט אויף איהר נישט מאַכען קיין אָנפאַל.

אַדמיניסטראַטאָרען...

אין ווארשא האט מען אַ סך געהערט וועגען דער דאזיגער מכה, וואס הייסט אַדמיניסטראַטאָרען, זיי האבען זאָגאַר אַן'איינענעם פעראיין און אַ סך פון זיי ווערען פעראייביגט לדור דורות, ווי אַ ווילד געשפענסט.

ביי אונז אין טשענסטאכאוו זענען זיי פערהאַן ווייניג און אויב ס'זענען יאָ דאָ, איז עס אַ נאָכמלחמה'דיג אַרטיקעל. דער קריזיס איז גרויס, די לאָקאַטאָרען האבען נישט צו צאָהלען, נישט אַלע בעלי-בתים זענען פעהיג אַרויסצונעמען ביים לאָקאַטאָר די בעבכעס (אפילו בעלי-בתים זענען אויך נאָך פערהאַן אָרענטליכע), קומט זיי צו הילף דער אַדמיניסטראַטאָר.

ס'וואָלט געווען פאַלש צו זאָגען, אַז וואו אַן'אַדמיניסטראַטאָר דאָרט—אַ תלין. פערהאַן אויך אַדמיניסטראַטאָרען בצירת מענש; ס'רוב אבער זענען זיי אַזעלכע, וואס פעריאָגען פון זיך צוערשט דעם מענש און דערנאָך ווערען זיי אַדמיניסטראַטאָרען.

עס וואלט צופיעל פלאַץ פערנומען, ווען מען זאָל דעם דאזיגען ענין בעהאַנדלען אין דער גאַנצער ברייט, (וואס מיר וועלען אין די נעכסטע טעג טהון); דאסמאל וויל איך נאָר אָנוואַרפען עטליכע ווערטער וועגען דעם דאָזיגען פּראָבלעם, וואס שפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין דער יעצטיגער צייט און פעראורזאכט, אַז אויב מאנכע בעלי-בתים וואָלטען נאָך געקאנט אַדורכ-

פ. בלומענקראנץ.

יודען און נאַטור.

(רעפלעקסען צום 5-יאָהריגען יובילײ פון דער ג. ל. ק.)

ס'ווערט — דוכט זיך — איגנאַנצען זיין אויפ'ן אָרט, אויב מיר ווילען אין צוזאמענהאַנג מיט'ן יובילײ פון דער אָרטיגער אָבטיילונג פון דער יוד. געזעלשאפט פאר לאַנדקענטשאַפט אָבשטעלען זיך עטוואס אויף דער ערשיינונג פון קנאַפער פעראינטערעסירונג מצד די ברייטע יוד. שיכטען און בעזונדערס מצד דער יוגענד פאַר נאַטור, פאַר אויסערליכקייט (אין ברייטערען זין), וואס איז אין תּוך גענומען, לעולם, אַ פערמאַנענטע ערשיינונג ביי יודען פון תּמיד אָן.

ס'איז מאָדנע! יודען, אַ פאָלק מיט שטארקע נייגונגען פון נאַכאמונג (יעדענפאַלס ביי דער פאָרטגעשריטענער טייל); אַ פאָלק פון אַמביציעס צו דערגרייכונגען, האט קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזען קיין גרעסערען אינטערעס פאַר נאַטור, פאַר אייסערליכקייט.

דאס, וואס איז אין דער אַלטער צייט געווען אַ נאַטירליכע זאַך ביי די אומות העולם (ספאָרט, סקולפטור א. ז. וו.) האט ביי די יודען נישט אַרויסגערופען קיין שטאַרקע פעראינטערעסירונג.

* * *

ווענדענדיג כאטש בקיצור פעסטשטעלען די אורזאַכען פון דער דאזיגער ערשיינונג מוזען מיר בעריקזיכטיגען סבות: אָביעקטיווע און סוביעקטיווע.

אָביעקטיווע: די ספּעציפישע יודישע לאַגע אין די פערשידענסטע צייטען, די נישט-איינגעזעסענקייט, דער פּחד פאַר דעם מאָרגען, דאס געפיהל פון „יענעמס פעלד“ בנוגע דער גאַנצער אַרומיגער שפע — און דער פועל - יוצא דערפון: דער שטויס צו זוכען אין זיך, אין דעם אייגענעם גורל, אין די מעשים אַ ציעל, אַנ'אינערליכען זין; סוביעקטיווע: די יודישע רעליגיעזע איינשטעלונג בנוגע לעבען, דער יוד. קוק אויפ'ן גאַנצען אַרום, וואס איז פערשטאַרקט געוואָרען אין משך פון דורות דורך די קאָנטינאַטאָרען און קאָמענטאַטאָרען פון די רעליגיעזע פאַרשריפטען (אגב: איז פערהאַן אין דעם גופא פיעל אָביעקטיווער...)

די ספּעציפישע לאַגע פון די יודען אין איין זייט און דער רעליגיעזער מאַנעטעאיסטישער קוק אויפ'ן לעבען פון דער צווייטער, וואס דעפינירט זיך אין אַזעלכע סענטענצען, ווי: רחמנא לבא בעי“, אָדער „אחד המרבה ואחד הממעיט מלבד שיכון לבו“, האט אין דער עקסטרעמקייט דערפיהרט צום מאָדנעם געדאַנק פון ר' יעקב (אבות פרק ג'), אַז איינער איז עוסק אין לערנען און רייסט איבער, כדי צו בעוואונדערן דעם אַרום (מה נאה אילן זה, מה נאה ניר זה) ווערט עס בעטראַכט ווי ער וואָלט געווען אַ מתחיב בנפשו.

* * *

אָבער ס'וואָלט געווען אַנ'אונרעכט צוצוקומען צוליעב דעם איבערגעזאַגטען צו דער מסקנה, אַז יודען זענען געווען בעראַבט אינגאַנצען פון'ם חוש פאַר שעהנקייט, פאַר נאַטור-מערקווירדיגקייטען.

אמת, ביים רוב צוליעב'ן זוכען דעם אינהאַלט, דעם תּוך, צוליעב דעם מאיקא-משמע-לן-קוק אויף אַלעם, איז אָטראַפירט געוואָרען דער חוש פאַר אויסערליכקייט, פאַר צורה, אָבער תּמיד זענען נעווען שענגייסטער, וועלכע זענען פעהיג געווען מיטגעריסען צו ווערען מיט דער מאַיעסטעטישקייט און אונערשעפליכער פּרעכטיגקייט פון דער נאַטור, וואס איז לויט זייער רעליגיעזער איינשטעלונג געווען דער בעסטער בעוויז וועגען גאָט'ס גרויסקייט: השמים מספרים כבוד אל.

די דאזיגע פיינפיהלענדיגקייט קומט מיט אַ בעזונדערער בולט'קייט אַרויס ביי די אויפפרישער פון יוד. רעליגיעזען גייסט אין איהר לעצטער צורה — ביים חסידות:

„אַז דער מענש וואָלט זוכה געווען צו הערען די שירות און תּשבחות פון די גרעזער, ווי אַזוי יעדעס גרעזיל זאָגט שירה פאַר'ן אויבערשטען, אָהן שום פּניה און מהשבות-חוץ, וואָלט ער דערגאַנגען די פּרעכטיגקייט פון זייער געזאַנג“ (לקוטי-עצות).

ה. צייטלין אין זיין ווערק וועגען דעם פּאָעט-רבי, ר' נחמן בראַסלאַווער שרייבט:

„אַזוי ווי דוד'ס פידעל האט אָנגעהויבען פון זיך זעלבסט שפּילען מיט דער בעריהרונג פון מזרח-ווינד, אַזוי איז ר' נחמנ'ס הארץ פול געוואָרען מיט שירה-אלהות, ווען ער האט דערזעהן פאַר זיך דאס כּתבות פון פעלד, דאס גראָז, די טאָלען, וועלדער און טייכען.“

* * *

און היינט?

אין דער איצטיגער תּקופה, אין דער צייט פון יוד. רענעסאַנס, פון בעגעהר צו געבען דעם יוד. לעבען אַנ'אייגענעם פּרצוף, אַ פּשוט-מענשליכען, איז דער ענין פון אונזער בעציהונג צו אויסערליכקייט בעזונדערס אַקטועל. מיר מוזען אָנפאַנגען פונאַנדהויב אויסוואַרצלען די גלייכגילטיגקייט צום אַרום, איינפלאַנצען די נייגונג צו זעהן און אויסצושטייען הויך, מיט אינערליכער בעגייסטערונג: מה נאה אילן זה!

און ווי ווייט מיר זענען נאָך צו דעם!

מיר דערמאָנט זיך אַ פאַמיליע-סצענע ביים „מאָרסקע אָקאָ“, וואו אַנ'אונגאַרישע משפּחה: זיידע, זיהן, טעכטער און אייניקלעך האָבען נאָך אַ לענגערען אויספלוג זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש. דער זיידע, אַנ'אַלטיטשקער מיט אַ זילבערנעם קאָפּ האָר, און די אייניקלעך, צווישען וועלכע עס זענען געווען קליינע קינדער, 6–7 יעהריגע. די אייניקלעך האָבען זיך צוזאַמען מיט'ן זיידע'ן געדראַפּעט אויף די בערג. דער זיידע — דער סוף פון לעבען און די אייניקלעך — דעם אָנהויב פון אַ נייַ לעבען! טיי ער, סיי זיי — הייטער, לעבענסלוסטיג, פול מיט חדוה און לעבענס כּח!

און ביי אונז? מיר רופען דאס אָן קלות ראש, צונאַר-מאַכערייַ. אַ יוד, אין די יאהרען פון יענעם אונגאַר, געהט דאָך נישט אַרויס זיין גאַנץ לעבען פון די ד' אמות פון פערחושכ'טען שטעדטיל, אין וועלכען ער צאַנקט צוזאַמען מיט זיינע לעבענס-לעכצענדע און ווענעטירענדע אייניקלעך!

* * *

האט דאָך די געז. פאַר לאַנדקענטשאַפט אַ ברייט און דאַנקבאַר פעלד צו דער אַרבייט (אגב צו איהרע אויפגאַבען געהערען אויך: זאַמלען פאָלקלאָר, אָבהיטען אַלטערטימליכקייטען, אינטערעסירען זיך מיט דער עטנאָגראַפיע פון יודען א. ז. וו.) און האט אַ זכות-קיום אויף. דער יוד. גאַס.

וואס זאָלען מיר דעריבער ווינשען די אָנפיהרער פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט? ראשית ווינשען מיר די ראשים, אַז זיי זאָלען פערשטעהן זייערע אויפגאַבען און די געזעלשאַפט זאָל בעקומען אַ פּנים פון אַנ'אמת היימיש קולטור-ווינקעל מיט אַ יודישען פּרצוף און צווייטענס — און דאס איז דער עיקר — אַז די טשענסטאָכאָווער לא-עלינו'דיגע (איהר ווערט מוחל זיין פאַר'ן אויסדרוק) יוגענד, וועלכע איז פון לייידיג געהן פערגעניצט און פערפלאַכט אויף אַ סכּנה'דיגען אופן, זאָל זיך בעזינגען, אַז אַפּאַטיע, לאַמיך-געמאַך איז פאַר אַ יונגען מענש גייסטיגער פּאַראַליזש!

אויב מיין ברכה וועט מקוים ווערען (אל תּהא ברכת הדיוט קלה בעיניך), וועט דער 10-יעהריגער יובל בעשטימט געפייערט ווערען ברוב-עם מיט דער בעטייליגונג פון דער גאַנצער היגער יוגענד!

וואָס איז געשהן געוואָרען מיט די מיליאָנען פון באַראָן הירש?

אונטער דעם דאָזיגען איבער-קעפּל האט לעצטענס די לאָנדאָנער ענגליש-יודישע צייטונג „דזשואיש קראָניקל“ געדרוקט אַנ'אינטערעסאַנטען בריעף פון בעקאַנטען טהוער דר. ברודקוס.

דער אויטאָר דערמאָהנט, אַז אין יאָהר 1891 האט דער גרויסער פילאַנטראָפּ באַראָן הירש בעשלאָסען צו אָפּפערן זיין ריזיגען קאַפּיטאַל, כדי צו ראַסעווען די מזרח-יודען. צו דעם צוועק האט ער געגרינדעט די „דזשואיש קאָלאָניזעשן-אַססאָשיעשן“ (י. ק. א.) מיט אַ קאַפּיטאַל פון 2 מיליאָן פונט, צו וועלכע ער האט דאַן צוגעגעבען נאָך 8 מיליאָן פונט. דער דאָזיגער קאַפּיטאַל האט געזאָלט פערנוצט ווערען אויף אַ ברייטע קאָלאָניזאַציע פון רוסישע יודען אין אַרגענטינע. אין דער צייט פון 1892 ביז 1897 האָבען זיך בעזעצט אין אַרגענטינע 5 טויזענד יודישע פאַמיליעס. שפּעטער איז די קאָלאָניזאַציע-טעטיגקייט פון י. ק. א. אָבגעשטעלט געוואָרען און האט זיך בעגרעניצט בלויז צו קאָנסאָלידירען די שוין געשאַפענע קאָלאָניעס.

אין יאָהר 1896 איז באַראָן הירש געשטאָרבען, פערשרייבענדיג אַלע אַקציעס פון י. ק. א. אין גראָדע חלקים צו 5 טויזענד אַקציעס. די יודישע געמיינדעס אין בריסעל, בערלין, פראַנקפורט אם מיין, ווי אויך דער „אַנגלאָ-דזשואיש אַסאָשיעשן“ אין לאָנדאָן. זייט דער צייט האט זיך די טעטיגקייט פון דער י. ק. א. בעדייטענד פערקלענערט.

אורטיילענדיג פון די בעריכטען פון דער געז. י. ק. א., וועלכע ענטהאַלטען בלויז קאַרגע ידיעות וועגען דעם גערעטעניש אין די קאָלאָניעס, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז י. ק. א. מאַכט נישט קיין שום פינאַנציעלע טראַנזאַקציעס, ווייל קיין צוזאַמענגשטעלונגען וועגען די הכנסות און הוצאות פון דער געזעלשאַפט ווערען נישט פערעפענטליכט און מען ווייסט בלויז, אַז די רעזולטאַטען זענען נישט קיין גלענצענדע. אין משך פון די לעצטע 40 יאָהר האט זיך די צאָהל קאָלאָניסטען נישט פערגרעסערט און די עקספּערימענטען פון י. ק. א. אין אַנדערע לענדער האָבען גאָרנישט געגעבען. די דירעקטאָרען פון י. ק. א. האָבען נישט אַרויסגעוויזען קיין שום איניציאַטיווע.

אַזאַ לאַגע קען נישט טאָלערירט ווערען איבערהויפּט, ווען מען נעמט אין אַכט די טרויעריגע לאַגע פון די דייטשע און פּוילישע יודען.

די גענצליכע אַפּאַטיע פון י. ק. א. האט די יודישע מיינונג געפּרובט אויסטייטשען מיט דעם, אַז די געזעלשאַפט האט אפשר געליטען ריזיגע פערלוסטען פון קאַפּיטאַל בעת דער מלחמה. פון די מאַטעריאַלען, וואס ס'איז אָבער געלונגען דעם אויטאָר צו זאַמלען, ווערט קלאָר, אַז פון דער זייט איז דער פערלוסט פערהעלטניסמעסיג קליין און דאס אַ דאַנק דער פאָרזיכטיגקייט פון באַראָן הירש, וועלכער האט אין דער צוואה אַריינגעשטעלט אַ פּונקט, אַז דער קאַפּיטאַל קען אינוועסטירט ווערען בלויז אין מלוכה'שע פּאַפּירען פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, שווייץ, דייטשלאַנד און פעראייניגטע שטאַטען. פון אַ בעריכט אויפ'ן 1 יאַנואַר 1933 ווייזט זיך אַרויס, אַז י. ק. א. האט דאַמאָלס פערמאָגט ווערט-פּאַפּירען אויף אַ סומע פון 4.289.000 פונט; חוץ דעם איז געווען אין מזומנים 250.000 פונט; די ערד-שטחים אין אַרגענטינע און אין אַנדערע לענדער, ווי אויך די חובות ביי די קאָלאָניסטען האָבען בעטראָפען 3.379.000 פונט. דער היזק פון דער מלחמה-צייט האט בעטראָפען 661 טויזענד פונט. ס'איז פערפאַלען געוואָרען דער קאַפּיטאַל, וועלכען באַראָן הירש האט איבערגעלאָזט פאַר יודישע שולען אין גאַליציע.

דעם באַראָנ'ס וואונש איז געווען וואס שנעלער צו פערווענדען דעם קאַפּיטאַל אויף אַ בעשטימטען צוועק דורך קויפען ערד און בעזעצען קאָלאָניסטען. ס'איז דעריבער נישט ריכטיג געווען מצד דער י. ק. א. אויב זיי האָבען דעם קאַפּיטאַל לאָקירט אין ווערט-פּאַפּירען אפילו פאַר דער מלחמה און וואס ערשט איצט, ווען די יודישע מאַסען נויטיגען זיך אַזוי שטאַרק אין קאָנסטרוקטיווע הילף.

די דירעקטאָרען פון י. ק. א. האָבען אין 1925 איבערגעשריטען נאָך אַ וויכטיגען פּונקט פון באַראָן הירש'ס לעצטען ווילען. מיט גרויס מיה און פיעל קאָסטען איז זיי געלונגען צו ענדערן דעם סטאַטוט און בעקומען אַנ'ערלויבניש צו אינוועסטירען די קאַפּיטאַלען פון י. ק. א. לויט זייער אייגענעם איינזעהן אין ווערט-פּאַפּירען פון אַלע לענדער אָהן אויסנאַהם ווי אויך אין פּריוואַטע אַקציען געזעלשאַפטען. אַזאַ אונבעגרעניצטע מעגליכקייט צו שפּעקולירען מיט די קאַפּיטאַלען פון י. ק. א., וואס שטעהט אין ווידערשפּרוך צו באַראָן הירש'ס ווילען און וואס איז אפשר געשעהן אָהן וויסען פון די יודישע געמיינדעס, וועלכע זענען די אָפיציעלע אַקציאָנערען פון י. ק. א., האט געבראַכט פאַר'ן י. ק. א. אַ שאָדען פון 4 מיליאָן גאָלד-דאָלאַר. די דאָזיגע סומע האָבען די דירעקטאָרען פון י.ק.א. אויסגעצאָהלט דער סאָוויעטישער רעגירונג אין י. 1927 אויף קרעדיטען פאַר יוד. קאָאָפּעראַטיוען אין קליינע שטעדטלעך. קורץ דערנאָך זענען די קאָאָפּעראַטיוען ליקווידירט געוואָרען און די סאָוויעטישע רעגירונג האט דעם קאַפּיטאַל צוגענומען. די שולד פון דעם דאָזיגען פערלוסט טראָגען די דירעקטאָרען פון י. ק. א.

לויט דער מיינונג פונ'ם אויטאָר פון בריעף, ליגט אויף די יודישע געמיינדעס אין בריסעל, פראַנקפורט און לאָנדאָן אַ פליכט צו פערלאַנגען, אַז די סטאַטוט-ענדערונג זאָל אַנולירט ווערען און דער ווילען פון באַראָן הירש וועגען קאָלאָניזאַציע אויף ערד זאָל אָבגעהיטען ווערען. י. ק. א. בעזיצט נאָך אַ קאַפּיטאַל פון 4 און אַ האַלב מיליאָן פונט און ס'איז שווער צו פערשטעהן איהר גלייכגילטיגקייט און פּאַסיוויטעט אַקעגען דער יודישער טראַגעדיע אין מיטעל אייראָפּאַ. ביז איצט האט נאָך י. ק. א. גאָרנישט געטהון, כּדי צו שאַפען אַרבייטס - מעגליכקייטען פאַר יודישע עמיגראַנטען אין הסכּם מיט באַראָן הירש'ס ווילען. די עמיגראַנטען פון דייטשלאַנד זענען אויך דירעקטע יורשים פון באַראָן הירש'ס קאַפּיטאַלען און זיי האָבען אַ רעכט צו פערלאַנגען, אַז די אויספיהרער פון באַראָן הירש'ס צוואה זאָלען זיך מיט זייער גורל פעראינטערעסירען.

ו. י. פ.

קומען מיט זייערע לאָקאָטאָרען, קומען די אַדמיניסטראַטאָרען און דערלאָזען דאס נישט. זיי ווילען דערמיט אַרויסווייזען זייער הינטישע צירה, טהוענדיג אַ דאָפּעלטע אַרבייט: לעקען דעם בעל-הבית און גלייכצייטיג אַ ביס טהון דעם לאָקאָטאָר.

מיר איז אויסגעקומען די לעצטע טעג אונטערצוהאַנדלען מיט אַ בעל-הבית וועגען אַ סכסוך מיט אַ לאָקאָטאָר און דער ווירט איז שוין געווען גרייט נאָכצוקומען דעם לאָקאָטאָר, איז אָבער אונטערגעשפּרינגען דער אַדמיניסטראַטאָר און געדראָהט דעם ווירט. מילא, דאס וואס ער האט מיר געדראָהט, בין איך איהם מוחל, איך שרעק זיך נישט פאַר איהם; נאָר דאס, וואס ער האט געסטראַשעט זיין בעל-הבית, האט עס, ווי עס ווייזט אויס, יאָ געהאַט אַ ווירקונג, ווייל ער האט זיך טאַקי צוריקגעצויגען און דער לאָקאָטאָר איז געבליבען ביים פעטעך.

כ'וואָלט אייך נאָך דערצעהלט אַנדערע מעשיות פון די דאָזיגע אַדמיניסטראַטאָרען, נאָר ווי געזאָגט, וועל איך זיי ווידמען אַ ספּעציעלען אַרטיקעל. זיי האָבען זיך עס כּשר פערדינט די דאָזיגע אַדמיניסטראַטאָרען...

אויך אַ וואונש.

די מיטגלידער פון „אחיעזר“, אויב ס'שטאַרבט ר"ל איינער פון זייערע נאָהנטסטע, ווענדען זיך צו דער דאָזיגער אינסטיטוציע, אַז מען זאָל זיי אויסבאָרגען די שוואַרצע דעק מיט'ן „אחיעזר“-אויפשריפט, בעוואַכען דעם בר-מינן דורך צוויי משמורים, אָנגעטהון אין די היטלען פון „אחיעזר“, אַזוי, אַז דאס אַלץ מאַכט אַנ'אימפּאָזאַנטען איינדרוק. די מלוים קוקען אויף דער דאָזיגער פּאַראַד מיט קנאה און נישט איינער ווינשט זיך אין האַרצען, אַז ס'וואָלט נישט געשאַדט — נישט צוקומען זאָל עס — דאס אין 120 יאהר אַרום, זאָל ער אויך האָבען די זכיה צו אַזאַ פּאַראַד מיט 2 משמורים, וועלכע געהען אין זייערע „גאַלאַ“-מונדירען, אַזוי ווי די גענעראַלען...

אַמאָל האט מען זיך געווינשען, בעת מען האט געהערט אַ גוטען חזן, צו האָבען אַזעלכע קינדער, ווי ער איז; היינט ווינשט מען זיך צו האָבען אַ לויה מיט פּאַראַד...

זיי צאָהלען עטאַט...

דעם לעצטען שבת, בעת מען האט אין דער שטאָדט-שוהל געהאַלטען ביי „שוכן עד“, זעה איך ווי אנשטאט באַדאַש'ן געהט צו צום עמוד ר' וואָלף שמידט מיט זיין באַריטאָן-שטימע. מען קען נישט זאָגען, אַז דער עולם איז נישט געווען צופרידען דערפון, אדרבה זיי האָבען גאָר אָנגעקוואָלען פון זיין זיסער שטימע, דאָך בין איך נייגעריג געווען צו וויסען, וואו ס'איז פאָרט באַדאַש.

נאָך אַ חקירה ודרישה בין איך געוואויר געוואָרען, אַז די עדה קדושה פון טשענסטאָכובקע האט פערבעטען דעם חזן באַדאַש, כּדי דאָרט צו דאַווענען.

וועגען דעם געהען אַרום פערשידענע נוסחאות; טייל זאָגען, אַז היות ווי אין טשענסטאָכובקע זענען ביז-איצט געווען צוויי מנינים, וואס האָבען זיך אַרומגעריסען צווישען זיך און אַזוי ווי זיי האָבען זיך פעראייניגט אין איין מנין און מסתּמא האָבען זיי געמאַכט אַ קידוש, האָבען זיי געוואָלט אויך האָבען דעם שטאָדט-חזן. אַ צווייטער נוסח לויטעט, אַז די גאַנצע איניציאַטיווע איז געקומען פון חזן באַדאַש, וועלכער האט געוואָלט מאַכען „מי שברך'ס“ די טשענסטאָכובקער יודען, זיי זאָלען ביי יעדען מי שברך זאָגען דאס וואָרט: מי שנדר... און אַ פאַקט איז, אַז אַלע יודען פון טשענסטאָכובקע האָבען בעקומען עליות; מען האט געלייענט צו דריי פּסוקים און מסתּמא האָבען אַלע מנדר געווען... עס איז אָבער פערהאַן נאָך איין נוסח, דהיינו: אַז די טשענסטאָכובקער יודען האָבען געהאַט אַ טענה. דאס היות ווי זיי צאָהלען אויך עטאַט און היינטיגע וואָך האט די קהלה אַרויסגעשיקט צו זיי נאַקאַזען האָבען זיי כאָטש אויך געוואָלט געניסען פון דער קהלה, דעריבער האָבען זיי געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי שיקען דעם שטאָדט-חזן אויף איין שבת כאָטש דאַווענען.

דער עיקר, אַז חזן באַדאַש איז אַהיימגעקומען העט שפּעט שבת נאָכמיטאָג און ער ווינשט זיך ער זאָל כאָטש עטליכע מאָל אין יאָהר געהן דאַווענען קיין טשענסטאָכובקע, באַדיי מיט דעם אויסרייד, דאס זיי ווילען ער זאָל קומען דאַווענען צוליעב דעם, וואס זיי צאָהלען עטאַט...

אַ פיינע לעקציע...

עס איז אַ בעוואוסטע זאַך, אַז אונזער „עליטע“, די אַזוי-גערופענע פיינערע געזעלשאַפט האט זיך ליעב צו שטופּען דאָרט, וואו מען זעהט זי נישט גערן. עס איז ביי זיי פּשוט אַ פּרעסטיזש-פראַגע, זיי זאָלען אַרויסווייזען דאס זיי געהערען נישט חלילה צום „עמך“, צום פּראָסטען המון.

די דאָזיגע לייט ווערען טאַקי איינגעלאַדען ביי יעדער געלעגענהייט, ביי כּל'ערליי באַנקעטען און פייערונגען, ווייל ס'איז דאָך נישט שייך צו זאָגען, דערווייל איז דאָך נאָך דאָ נישט היטלער-לאַנד. איבריגענס, לייגט מען דאָך צו דער דאָזיגער אַריסטאָקראַטיע נישט צו, ווארום אויף יעדער אימפּרעזע זענען זיי די ערשטע, וואס טראָגען אַקעגען זייערע נדבות און אפילו איבער'ן יכולת, כּדי מקיים צו זיין דעם פּסוק: „פּויבסטליכער ווי דער פּויבסט“...

האָבען אָבער אונזערע „פּני“ בעקומען יענע וואָך אַ לעקציע — איז זיי אסור נישט מקנא צו זיין:

ה' מאַטולאַ האט פערלאָזט זיין אַמט אַלס דירעקטאָר פון דער קראַנקען-קאַסע און זיינע פריינד האָבען איהם איינגעאָרדענט אַ געזעגענונגס אָוועַנד, דהיינו: אַ גאַלאַ-פאָרשטעלונג אין שטאָדטישען טעאַטער, דאַן אַ באַנקעט אין האָטעל „פּאָלאָניאַ“.

אויף דעם דאָזיגען באַנקעט זענען אויך איינגעלאַדען געוואָרען אַ רייה אָנגעזעהענע פּערזענליכקייטען „ווינאַניאַ מאַיזשעשאָוועגאַ“, נאָר עס איז געשעהן איין קלייניגקייט, מען האט אויסגעזעצט סאַמע אַריער מיט'ן בעל-שמחה בראש ביי איין טיש און ביים אַנדערען האט מען אָוועקגעזעצט די זשידקעס. ס'האט זיך געפינען אפילו איינער, וועלכער האט די בעליידיגונג דערפיהלט און איז געגאַנגען אַהיים שלאָפען; די איבריגע אָבער האָבען הכנעה'דיג דעם דאָזיגען ביטערען פּיל אַראָבגעשלינגען און ווייטער געבליבען אויפ'ן באַנקעט.

ווי עס זאָל נישט זיין — אַ פיינע לעקציע האָבען זיי געהאַט אונזערע זשידקעס...

לויתן

ווינעלובער נייעס.

יעהרליכע אַלג. פערזאַמלונג פון ברית-הצה"ר.

פרייטאג, דעם 26 אָקטאָבער איז אין אייגענעם לאָקאַל פאָרגעקומען די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון ברית הצה"ר, אין דער אַנוועזנהייט פון איבער 50 מיטגלידער. די פערזאַמלונג עפענט פרעז. יוסף יונג, וועלכער גיט אַנ'איבערבליק איבער דער פּאָליטישער לאַגע פון רעוויזיאָניזם, ער דערמאָנט דאס שווערע און טראַגישע יאהר, וואס דער רעוויזיאָניזם האט אדורכגעלעבט און די מוטיגע האַלטונג פון פּרעזידענט זשאַבאָטינסקי, וועלכער האט די פּעוועגונג ארויסגעפיהרט פון דעם טראַגישען ווירוואַר צום זיעג און נצחון פון דער גערעכטיגקייט.

עס ווערט דאַן בעעהרט מיט אויפשטעהן דער אַנדענק פון דעם ערשטען געפאַלענעם מיטגליד פון „ברית החיל“ זיגמונט יאַסקאָוויטש, וועלכער איז געפאַלען פון אַ כוליגאַנישער האַנד ביים פערטיידיגען זיך.

אַלס פּאָרזיצער פון דער פערזאַמלונג ווערט אויסגעוועהלט דער חבר משולם סקאָווראָנעק. דאַן טרעט מען צו צו דער טאָג-אָרדנונג פון דער פערזאַמלונג און אויסהערען די בעריכטען פון די קאָמיסיעס.

דעם בעריכט פון ער טעטיגקייט פון דער פערוואַלטונג גיט אָב ה' גבריאל קאָניאַרסקי. פונ'ם בעריכט איז צו זעהן, אז די פערוואַלטונג האט ערפאָלגרייך אַדורכגעפיהרט די פּעטיציע-אַקציע, זאַמלענדיג העכער 800 אינדיווידועלע אונטערשריפטען, געגרינדעט דעם אונפּאַרטייאישען קאָמיטעט פאַר סטאַווסקי - פערטיידיגונג און מיט ערפאָלג בעטייליגט זיך אין די שטאָדטראַט-וואַהלען.

דעם בעריכט פון קרן תל-חי גיט אָב דער מורשה משולם סקאָווראָנעק. אין משך פון יאהר איז געזאַמעלט געוואָרען אַ סומע פון 543 זל., אויף די אַנגעהויבענע דעקלאַראַציע-אַקציע אַ סומע פון צירקאַ 250 זל.. פון דער קולטור, פּרעסע, ווי אויך פינאַנץ-קאָמיטיעס גיבען אָב בעריכטען די ה"ה: שעלאל גוטמאַן, מנחם גאָט און דוב בער כלאָפּאַק.

מיט גרויס צופרידענהייט ווערט אויפגענומען דער בעריכט פון מפקד הקן פון אָרטיגען בית"ר חיים דאַווידאָוויטש. דער בית"ר צעהלט בייט היינטיגען טאָג קרוב 100 מיטגלידער. ער האט זיך אין משך פון די לעצטע צוויי חדשים שטאַרק ענטוויקעלט, סיי אין איכות, סיי אין כמות. ער האט גוטע פּערספּעקטיווען אויף ווייטערדיגער ענטוויקלונג.

נאָך די בעריכטען פון די קאָמיסיעס ענטוויקעלט זיך אַ לענגערע דיסקוסיע, אין וועלכער עס נעמען אנטייל די ה"ה: רוסאַק, יעקב קאָניאַרסקי, דוד בער כלאָפּאַק, מנחם גאָדט, פאַלאַ באַבראָווסקאַ, גבריאל קאָניאַרסקי, חיים דאַווידאָוויטש, יוסף יונג, יהודה דאַווידאָוויטש.

עס ווערט געוועהלט פאָלגענדע פערוואַלטונג: פּרעזעס—יוסף יונג, וויצע-פּרעזעסען—חיים גוטמאַן, יעקב קאָניאַרסקי, סעקרעטאַר. · מיטגלידער: רוסאַק שרה, כלאָפּאַק דוד בער, משולם סקאָוו'ראָנעק, פאַלאַ באַבראָווסקאַ, יענטע האַליץ, צפּורה זעלקאָוויטש.

רעוויזיאָנס קאָמיסיע: שמואל גוטמאַן, יהודה דאַווידאָוויטש, אליהו סענדראָוויטש.

חברים-געריכט: אליעזר בערקאָוויטש, צבי וואָלמאַן, חיים דאַווידאָוויטש.

אין אַ געהויבענער שטימונג מיט אויסרופען לכבוד זאב זשאַבאָטינסקי און מיט'ן געזאַנג פון „התקוה“ און „בשוב ד'“ ווערט די פערזאַמלונג געשלאָסען.

אַ רעוויזיע פון די ביכער אין דער קהלה.

מאָנטאג 11 אַ זייגער פריה איז געקומען אין דער גמינע אריין דער רעפערענט פון סטאַראָסטאַ, ה' ראַטשינסקי און געהייסען שיקען נאָכ'ן פּרעזעס באַבראָווסקי. ווען ה' באַבראָווסקי איז געקומען, איז דער רעפערענט צוגעטרעטען צו רעווידירען די ביכער. ער האט זיך געמאכט פערשידענע נאָטיצען און אַנ'אויסצוג פון די חובות, וואס גמינע איז שולדיג די באַמטע פאַר נישט אויסגעצאָהלטע פענסיעס.

נאָכדעם איז אויך זיין וואונש מיט איהם מיטצוגאַנגען דער גמינע-סעקרעטאַר און איהם געוויזען די געביידעס און פערמעגען פון דער קהלה, ווי די שוהל, בית המדרש, מקוה, געביידע פון הכנסת אורחים א. ז. וו.

אַ זשאַבאָטינסקי-אָוועגד ביים בית"ר

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם 54-טען געבורטס-טאָג פון ראש בית"ר זאב זשאַבאָטינסקי, קומט-פאַר שבת 8 אַ זייגער אָוועגד אין אייגענעם לאָקאַל אַ פייערליכער זשאַבאָטינסקי-אָוועגד, איינגעאָרדענט דורכ'ן קן בית"ר.

איינגאַנג געגען איינלאַדונגען.

אַכטונג „התאחדות“-חברים און סימפּאַטיקער!

פרייטאָג, ד. 2.11 פּונקטליך 7-30 אָוועגד קומט-פאַר אין אייגענעם לאָקאַל (נאַרוטאָוויטשא 13) אַ רעפעראַט פון ח' ב. הערמאַנאָוויטש אויס ווארשא א. ד. ט. „ליכט און שאָטען ביים אויפבוי פון ארץ-ישראל“.

איינגאַנג פריי.

ביידע קאָאָפּעראַטיוועָ בענק בלייבען.

צוליעב דעם, וואָס די וואַרשאַווער און לעמבערגער רעוויזיאָנס-פערבאַנדען האָבען זיך פעראייניגט אין איין רעוויזיאָנס-פערבאַנד, האָט געדראָהט, אַז אויך די באַנק ספּולדזיעלטשי און קרעדיטאָווי זאָלען זיך מוזען צוזאַמענפּוזיאָנירען, וואס וואָלט נישט געווען קיין טובה פאַר דער שטאָדט. אויף דעם צוזאַמענטרעף אין לעמבערג, צו וועלכען עס איז דעלעגירט געוואָרען דער דירעקטאָר פון באַנק קרעדיטאָווי ה' מענדלעוויטש, האָבען אָבער די צענטראַלעס אנערקענט די עגזיסטענץ-בערעכטיגונג פון ביידע בענק און אַזוי אַרום בלייבען ביידע בענק ווייטער. עס איז אָבער נישט אויסגעשלאָסען, אַז עס וועלען פאָרקומען געוויסע ענדערונגען.

אַ קריסטליכער אַביוואַטעל שלאָגט-אָב אַ גנב פון יודישע הענד.

דינסטאָג, טאָרג-טאָג האָט די גאָרוטאָוויטש גאַס פאָרגעשטעלט אַ בילד, וועלכעס האט ווידער געקאָסט נישט ווייניג שרעק און בלוט-צאַפּעניש ביי דער יודישער בעפעלקערונג. די סיבה דערפון איז געווען דאס, וואס אין גאַלאַנטעריע-געשעפט פון ה' יאַסקאָוויטש האָט אַ גנב צוגענבעט אַ סוועטער. יאַסקאָוויטש, נישט קוקענדיג, וואס ער האָט בעקומען עטליכע קלעפּ, האָט דעם גנב נישט אָבגעלאָזט ביז ווייט אין דער גאס אריין. עס האט זיך באַלד צונויפגעזאַמעלט אַ גרויסער המון קריסטען, וועלכע האָבען זיך געוואָרפען שלאָגען יאַסקאָוויטש'ן און אָבשלאָגען דעם גנב. דערביי האט זיך זעהר פלייסיג אויסגעצייכענט דער בעקאַנטער אַנטיסעמיט מאַריאַן טיזלער, וועלכער האט געשריגען, אַז מען זאָל שלאָגען יודען. עס זענען דאַן אונטערגעקומען צוויי העלדישע יונגעלייט לייב זיידעמאַן און איצעק קרוזעפיצקי און האָבען זיך געראַנגעלט מיט'ן גנב, וועלכען עס איז אָבער געלונגען מיט דער מיטהילף פון צעיושעוועטען המון צו ענטלויפען.

אָדער ביכער פיהרען, אָדער אויסרעגיסטרירען זיך.

דער סוחרים-פעראיין מאַכט נאָכאַמאָל אויפמערקזאַם אַלע סוחרים, וועלכע ווילען נישט פיהרען קיין ביכער, אַז זיי מוזען אונבעדינגט לאָזען אויסרעגיסטרירען זייערע פירמעס פאַר נייאָהר.

טשענסטאָכאָווער נייעס.

צום 5-יעהריגען יובל פון דער טשענסטאָכאָווער י. ג. פ. ל.

(פון אַ פּרעסע-קאָנפערענץ.)

פינף יאָהר אין לעבען פון אַנ'אינסטיטוציע אין נאָרמאַלע צייטען און בעדינגונגען איז אפשר נישט פיעל, אָבער 5 יאָהר טעטיגקייט פון אַ געזעלשאַפט ביי די היינטיגע שווערע צייטען, איבערהויפּט אין אונזער ליעבען טשענסטאָכאָוו, וואו – חוץ עטליכע טעטיגע פּאָליטישע פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך— זעהט מען נישט קיין פונק פון געזעלשאַפטליכער איניציאַטיוו און טעטיגקייט פון אונטער דעם אַש פון אַפּאַטיע און גלייכגילטיגקייט – 5 יאָהר אַקטיוויטעט אין אַזעלכע בעדינגונגען איז אַ סך. דאס דאַרף זיך רעכנען נאָך פיעל מעהר דערפאַר, ווייל י. ג. פ. ל. איז אַ ריין-אַפּאָליטישע געזעלשאַפט; אַנ'אינסטיטוציע, וואס בעקומט נישט קיין אונטערשטיצונג מחוץ און וואס האט קיינמאָל גישט געזוכט צו פערפעסטיגען איהר עקזיסטענץ דורך בעניצען זיך מיט דער אַטראַקציע קראַפט פון קאָרטען-טישלעך, אָדער פייוו-אָ-קלאָק טהעע'ס. אַזאַ געזעלשאַפט איז טאַקי כדאי צו בעגריסען צו איהר 5-יעהריגען יובל אין דערביי וואָלט פשוט געווען אַנ'עולה נישט צו דערמאַנען דאס הייפעלע מענשען מיט דעם איניציאַטאָר פון י. ג. פ. ל. ד"ר. לייוראָוויטש און ה' רזשאָנשינסקי אין דער שפּיץ, אַ דאַנק וועמעס ענערגיע די געזעלשאַפט האָט זוכה געווען צו דערלעבען איהר 5 טען יובל.

די היגע אָבטיילונג פון י. ג. פ. ל. איז ענטשטאַנען אין יולי 1929 מיט 40 מיטגלידער און באַלד ענטוויקעלט זיך די אינסטיטוציע אין אַזאַ שנעלען טעמפּאָ, אַז קורץ נאָכדעם צעהלט זי שוין 350 מיטגלידער. נאָך דעם דאָזיגען אויפבליה-פעריאָד קומט אַ צייט פון שטילשטאַנד און אין יאָהר 1933 לעבט זי אפילו איבער אַ געוויסען קריזיס צוליעב אויסערליכע סיבות, ווי צ. ב. דאס אוועקנעמען די באַהן הנחות א. א.

אין משך פון לעצטען האַלב - יאהר לאָזט זיך ווידער מערקען אין לעבען פון דער געזעלשאַפט אַנ'אויפשטייג-פּעריאָד. נאָך דעם אָוועקפאַלען פון דעם אַזוי צו זאָגען צופעליגען עלעמענט, וועלכער איז געווען צוגעביגדען צו דער אינסטיטוציע בלויז אַ דאַנק די באַהן הנחות, פון וועלכע מ'האָט געקענט אַמאָל געניסען, צעהלט איצט די י. ג. פ. ל. אַנ'ערך 100 מיטגלידער געטריי'ע, איבערגעגעבענע, וואָס האָבען אַנ'אמת'דיגע פערשטענדניש פאַר די ציעלען און אויפגאַבען פון דער אינסטיטוציע.

און די אויפגאַבען זענען דאַנקבאַרע, זיי בעגרעניצען זיך נישט בלויז צו דער טוריסטישער און לאַנדקענטשאַפטליכער טעטיגקייט, זיי האָבען אויך אַ גרויסע ערציהערישע בעדייטונג.

אַ חוץ דעם אָוועקרייסען פון די דושנע שטאָדטישע [מויערן די יודישע יוגענד און זי ברענגען אין קאָנטאַקט מיט דער נאַטור, האָט נאָך די י. ג. פ. ל. אַנדערע, נישט ווייניגער וויכטיגע, אויפגאַבען דאס זענען: דאס בעקענען זיך מיט דער יודישער היסטאָריע אין שטאָדט און אין דער אומגעגנד מיט די יודישע אַלטערטימליכקייטען, אַלטע שוהלען, בית-עלמנ'ס, דאס זאַמלען מאַטעריאַלען פון אָרטיגען פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע און מיטאַרבייטען מיט'ן ייוואָ אויף דעם געביעט א. א. וו.

נישט קוקענדיג אויף די בעגרעניצטע מעגליכקייטען האָט דאָך די געזעלשאַפט אין משך פון איהר 5 יעהריגען עקזיסטענץ איינגעאָרדענט אונצעהליגע נעהנטערע און ווייטערע אויספליגען. עס זענען בעזוכט געוואָרען פיעל יוד. מערקווירדיגקייטען, ווי אַלטע שוהלען, בית-עלמנ'ס א. א. אין די אַרומיגע שטעדטלעך, עס זענען בעזוכט געוואָרען כמעט אַלע פאַבריקען פון דער גרויסער טשענסטאָכאָווער אינדוסטריע. בלויז אין משך פון לעצטען האַלב יאהר זענען פאָרגעקומען 45 אויסשלוגען. ביי דער געזעלשאַפט זענען פערהאַן סעקציעס פאַר ציקליסטיק, סקי ספּאָרט, אַמאַטאָרען - פאָטאָגראַפיע א. א.

די דאָזיגע אַלע אויפגאַבען וועט איצט די י. ג. פ. ל. ווידמען מעהר אויפמערקזאַמקייט און די געזעלשאַפט שטעלט זיך אפילו אַלס ציעל אַרויסצוגעבען אין דרוק אַ מאָנאָגראַפיע וועגען יודען אין טשענסטאָכאָוו פון די מאַטעריאַלען, וואָס זענען געזאַמעלט געוואָרען דורך אינזש. ה. ווילטשינסקי.

צוזאַמען מיט דעם 5 יעהריגען יובל, וועט די י. ג. פ. ל. גלייכצייטיג פייערען דעם חנוכת-הבית פון איהר אייגענעם נייעם לאָקאַל, וועלכען זי האָט זיך ערוואָרבען אַ דאַנק דער אָפּפערוויליגקייט פון עטליכע מיטגלידער, וואָס האָבען אונטערגעשריבען פריוואַטע פערפליכטונגען פאַר דער אינסטיטוציע. לאָמיר האָפען, אַז איבערנעמענדיג דעם נייעם לאָקאַל וועט י. ג. פ. ל. אַריינטרעטען אין אַ נייע תקופה פון אויפבליה און וועט צוציהען צו איהר גרויסער וויכטיגער אַרבייט דאס בעסטע, וואָס אונזער טשענסטאָכאָוו פערמאָגט.

מיר, פון אונזער זייט, ווינשען דער י. ג. פ. ל. פּרוכטבאַרען ערפאָלג אין דער ווייטערדיגער אַרבייט.

דער אונאָבהענגיגקייטס-יום-טוב אין טשענסטאָכאָוו.

אונטער'ן פאָרזיץ פון דיר. פלאַראָווסקי איז אין מאַגיסטראַט פאָרגעקומען אַ זיצונג פון בירגערליכען קאָמיטעט, כדי פעסטצושטעלען דעם פּראָגראַם פון די פייערונגען אין אונזער שטאָדט לכבוד דער 16-טער יאָהרצייט פון פּוילענס אונאָבהענגיגקייט.

ס'איז בעשלאָסען געוואָרען אַרויסצוגעבען אַנ'אַפּעל צו דער בעפעלקערונג וועגען דעקאָרירען די פענסטער און באַלקאָנען. דעם 10-טען ליסטאָפּאַד וועט פאָרקומען אויפ'ן מאַגיסטראַט פּלאַץ אַ צאַפּסטרזשיק מיט אַ רעדע און דאַן וועט פאָרקומען אַ פאַקעלן-צוג. דעם 11 ליסטאָפּאַד 10 פריה וועלען איינגעאָרדנט ווערען פייערליכע תפילות אין די געבעט-הייזער, דאַן וועט פאָרקומען אַ דעפילאַדע אויפ'ן מאַגיסטראַט-פּלאַץ. אין די נאָכמיטאָג שעה'ן וועלען מיליטערישע אָרקעסטערס שפּיעלען אין שטאָדט און אין אָוועגד וועט פאָרקומען אַ פייערליכע אַקאַדעמיע אין קאַמעראַל-טעאַטער.

פון ברית הצה"ר.

דינסטאָג, דעם 30 ד. ח. איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון ועד, וועלכער האָט בעשלאָסען איינצואָרדנען אַ מאַסען-מיטינג, געווידמעט דעם 54-טען געבורטס-טאָג פון פּרעזידענט פון אַלע אינטעגראַלע רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציעס זאב זשאַבאָטינסקי. צו דעם צוועק איז געשאַפען געוואָרען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וועלכע וועט זיך פערנעמען מיט דעם ענין. גלייכצייטיג איז בעשלאָסען געוואָרען צו עפענען אַ אינפאָרמאַציאָנס-ביוראָ, וואו די היגע בעפעלקערונג וועט בעקומען אַלעראַרט אינפאָרמאַציעס, וואָס זענען גילטיג צום פאָהרען נאָך א"י.

פון „פועלי אגודת ישראל“.

די שעורי ערב ושבת ביי פא"י זענען לעצטענס רעאָרגאַניזירט געוואָרען. עס אונטעררוכטען זיי פעהיגסטע קרעפטען.

פרייטאָג-צו-נאַכטס האַלב 8 אין אייגענעם לאָקאַל (יאַסעלעוויטשאַ 8) ווערט געלערנט חומש פרשת השבוע, דורכ'ן בעוואוסטען טאַלאַנטפולען פעדאַגאָג ר' מאיר שלמה הירש.

שבת האַלב 3 אַ פּאָפּולערער שעור געלערנט דורך ר' אברהם האַכערמאַן.

יעדען שבת צו-נאַכטס קומט פאָר אַ שיחת חברים.

שבת 9 פריה ווערט געדאַווענט בצבור.

ס'קומען אויך פאָר שלש-סעודות אין אייגענעם לאָקאַל.

עס קומען אויך פאָר טעגליך פערשידענע שעורים, בעזונדער פאַר עלטערע און בעזונדערע פאַר יוגענד.

קאָמוניקאַט פון דער געזעלשאַפט „תומכי-עניים“ (גוט-שבת-יודעלעך).

עס ווערט בעקאַנט געמאַכט, אַז צוליב דער רעאָרגאַניזאַציע, וואָס קומט-פאָר, מוזען אַלע פאַמיליעס, וועלכע בעקומען שטיצע פון דער דאָזיגער אינסטיטוציע זיך אויפסניי איינשרייבען און גלייכצייטיג אַרויסנעמען אַ נייע לעגיטימאַציע. אַנדערש וועלען זיי קיין שטיצע מעהר נישט בעקומען.

ביי דער געלעגענהייט ווענדען מיר זיך צו דער יודישער בעפעלקערונג, אַז ווער עס ווייסט וועגען אַנ'אָרימען בכבודיגען, וואָס נויטיגט זיך אין שטיצע, זאָל זיך מטריח זיין און קומען איהם פערשרייבען אין לאָקאַל וואַרשאַווער 35, אין הויז פון י. איזראַלאָוויטש.

די איינשרייבונגען קומען-פאַר דעם קומענדען זונטאָג, דעם 4 ליסטאָפּאַד ה. י. פון 10 אַ זייגער פריה ביז 2 נאָכמיטאָג און פון 5 ביז 7 אָוועגד.

גלייכצייטיג מאַכען מיר אויפמערקזאַם אונזערע חשוב'ע מנדבים, אַז אונזערע זאַמלער זענען פערזעהן מיט בעשטעטיגונגען פון דער געזעלשאַפט און די קוישען זענען בעצייכענט מיט אַנ'אויפשריפט פון דער געזעלשאַפט „תומכי-עניים“. אַנדערע האָבען נישט דאס רעכט צו זאַמלען.

פערוואַלטונג פון „תומכי-עניים“

אין טשענסטאָכאָוו.

קאָמוניקאַט פון דער יוד. געז. פאַר לאַנדקענטשאַפט.

די יודישע געזעזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטשאַפט מאַכט-בעקאַנט, אַז פון 1 ליסטאָפּאַד וועט זיך דער לאָקאַל פון דער געזעלשאַפט געפינען אויף אַלעע וואַלנאַשטשי 2 (אַמאָליגער לאָקאַל פון שאַכיסטען קלוב).

פרייטאָג, דעם 2 ליסטאָפּאַד 8 אָוועגד אין ערשטען און 8-30 אָוועגד אין צווייטען טערמין, וועט פאָרקומען אין אייגענעם לאָקאַל, אַלעע וואַלנאַשטשי 2, אַנ'אַלגעמיינע בעריכטס - פערזאַמלונג. צוליב דער וויכטיגקייט פון די ענינים איז די אַנוועזענהייט פון אַלע מיטגלידער אומבעדינג נויטיג.

שבת, דעם 3-טען ליסטאָפּאַד ה. י. 9 אָוועגד וועט אין נייעם לאָקאַל פאָרקומען די יובל-פייערונג פון דער 5-יעהריגער טעטיגקייט פון דער היגער אָבטיילונג, פערבינדען מיט דעם חנוכת-הבית פון נייעם לאָקאַל. איינטריט געגען איינלאַדונגען.

אין דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג און אין דער פייערליכקייט וועט זיך בעטייליגען ה' ס. ציזראָוויטש, וויצע-פאָרזיצענדער פון דער הויפּט-פערוואַלטונג און פּרעזעס פון דער וואַרשאַווער אָבטיילונג.

זונטאָג, דעם 4 ליסטאָפּאַד ה.י. 5 אַ זייגער נאָכמיטאָג וועט, ביי די קלאַנגען פון אַנ'אויסגעצייכענטען אָרקעסטער, פאָרקומען אַ פייוו פאַר מיטגלידער און סימפּאַטיקער פון דער געזעלשאַפט. אויפ'ן אָרט – אַ רייכער בופעט.

שבת, דעם 3 טען ד.ח. 10 אַ זייגער פריה וועט פאָרקומען אַנ'אויספלוג אין דער פאַבריק „מעטאַלורגיאַ“. צוזאַמענטרעף אין לאָקאַל, אַלעע 20, 9.45 פריה.

פערזענליכעס.

מאַגיסטער-יורי ה' מ. האַסענפעלד, יוריס קאָנסולט פון היגען פאַבריקאַנטען און סוחרים פעראיין, האָט מיט עטליכע טעג צוריק בעלעגט דעם אַדוואָקאַטען-עקזאַמען אין וואַרשא און וועט אין די נאָהנטסטע טעג אָבגעבען די אַדוואָקאַטען-שבועה.

אויך אַדוו. אַפּל. ה' נחמן ראָזענשטיין האָט מיט ערפאָלג אַדורכגעמאַכט פאַר'ן אַדוואָקאַטען-ראַט אין וואַרשא דעם אַדוואָקאַטען-עקזאַמען און וועט אין עטליכע טעג אַרום אָבגעבען די אַדוואָקאַטען שבועה.

פּאָפּולערע פאָרשטעלונג פון „אַדריענע“ אין קאַמעראַל-טעאַטער.

די דאָזיגע פּיעסע וועט געגעבען ווערען שבת, דעם 3-טען נאָוועמבער 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג אין קאַמעראַל-טעאַטער צו זעהר ביליגע פרייזען. בילעטען שוין צו בעקומען אין דער געז. „קולטור ליגאַ“ (אַלעע 12) יעדען טאָג פון 11 פריה ביז 8 אָוועגד.

פאַר קינדער אונפערטרעטבאַר Mydło Bebe Szofmana

דעלעגאַט שטאַרבט בעת דעם צוזאַמענפאָהר פון די „אולען"-שטעדט.

א צווייטער דעלעגאַט בעקומט א ידיעה, אַז זיין פרוי איז געשטאָרבען

פערג. דינסטאג איז אין ווארשא פאָרגעקומען א צוזאַמענפאָהר פון דעלעגאַטען פון די 8 א.ג. „אולען"-שטעדט, וועלכע האבען געדאַרפט זיך בעראַטען וועגען דער שווערער לאַגע, אין וועלכער די דאָזיגע שטעדט געפונען זיך צוליב זייער ריזיגער פערשולדיגונג אין דער אַמעריקאַנער קאַנאַליזאַציע-און וואַסערלייטונג-אונטערנעמונג „אולען". פון טשענסטאָכאָוו האבען זיך אין דאָזיגען צוזאַמענפאָהר בעטייליגט צוויי פאָרשטעהער פון פוילישען הויז-בעזיצער-פעראיין און ה"ה: ח. וועקסלער און ש. ראָדאָל פון יודישען הייזער-אייגענטימער-פעראיין.

די בעראַטונגען, וועלכע האבען אגב נישט געגעבען קיין ממשות'דיגען רעזולטאַט, האבען געהאַט א דראַמאַטישען פערלויף צוליב אַנדערע צופעליגע טעמים.

גלייך ווי די בעראַטונגען האבען זיך אָנגעהויבען אין לאָקאַל פון צענטראַלען הייזער - אייגענטימער - פערבאַנד אויף זגאָדאַ 1, האט דער טשענסטאָכאָווער דעלעגאַט ה' קאָביעלסקי בעקומען פון דער היים א ידיעה וועגען פלוצלינגען טויט פון זיין פרוי אין טשענסטאָכאָוו. ה' קאָביעלסקי האט גלייך פערלאָזט די פערזאַמלונג און איז אַרויסגעפאָהרען קיין טשענסטאָכאָוו.

ביז דער מיטאָג-הפסקה האבען געדויערט די רעדעס פון די דעלעגאַטען, וועלכע האבען אַרויסגעזאָגט זייערע פאָסטולאַטען אין דער אָנגעוועהטאַנטער פראַגע. די טשענסטאָכאָווער דעלעגאַטען האבען זיך אַרויסגעזאָגט פאר א רעדוקציע פון קאַנאַליזאַציע - אָבצאָהל ביז 10 פראָצענט פון דירה-געלד.

אין די נאָכמיטאָג-שעה'ן, ווען די בעראַטונגען זענען פאָרטגעזעצט געוואָרען איז פלוצלינג פארגעקומען א צווייטער דראַמאַטישער עפיזאָד. אין זאַל איז פלוצלינג געשטאָרבען פון א האַרץ-אַטאַק דער פיעטרקאָווער דעלעגאַט ה' קאָוואַלעווסקי, פרעזעס פון פיעטרקאָווער הויז אייגענטימער-פעראיין.

אַלס סימן פון טרויער זענען די בעראַטונגען איבערגעריסען געוואָרען.

א פאָרלעזונג פון דיכטער מלך ראַוויטש.

דער געזעלשאַפט „קולטור-ליגע" איז געלונגען צו אָרגאַניזירען א פאָרלעזונג אין אונזער שטאָדט דעם גרעסטען יודישען וועלט - רייזענדען מלך ראַוויטש, וועלכער איז נאר וואס צוריקגעקומען פון א רונד רייזע אַרום דער וועלט, וואס האט געדויערט דרייצען מאָנאַטען.

די פאָרלעזונג א.ד.ט.: „פינף קאָנטינענטען און דריי אָצעאַנען" וועט פאָרקומען שבת, דעם 10-טען נאָוועמבער 11 א זייגער פריה אין קינאָ-טעאַטער „אַטלאַנטיק". די פארלעזונג וועט אילוסטרירט ווערען מיט 2 הונדערט ליכט-בילדער פון די ווילדעסטע מענשען, די ווילדעסטע נאַטור-ווינקעלעך פון דער וועלט. אַלע בילדער זענען אַליין גענומען געווארען דורך מ. ראַוויטש.

בילעטען שוין צו בעקומען אין דער געז. „קולטור-ליגע" (אַלעע 12) יעדען טאג פון 11 פריה ביז 8 אָוועגד.

פון רעווי. ס. ק. „נורדיה".

פאָריגע וואך איז פערענדיגט געוואָרען דער פינג פאָנג-טורניר וועגען דער מייסטערשאַפט אין דער פינג פאָנג סעקציע. עס איז אויסגעקליבען געוואָרען א מייסטער פון דער סעקציע ווי אויך אייניגע פערזאָן אויף די ערשטע ערטער.

די איבונגען פון דער לייכט-אַטלעטיק-סעקציע קומען-פאָר יעדען מאָנטאָג און דאנערשטאג אָוועגד. עס ווערען אויך אָנגענומען איינשרייבונגען פאר סעגיאָרען, פאר וועלכע עס וועט איינגעאָרדענט ווערען א ספעציעלע סעקציע.

מאָרגען שבת אָוועגד קומט-פאָר אין זאַל פון „נורדיה" א דאַנסינג.

זונטאג 5 א זייגער — א פייוו.

פון קרן קימת לישראל.

זונטאג כ"ו מרחשון ענדיגט זיך די הרקה, און אַלע פאָרלעך, וועלכע האָבען געליידיגט די פושקעס, דאַרפען זיך פערזענליך (נישט דורך זייער מורשה) מעלדען און אָבגעבען דאָס מאַטעריאַל דעם ממונה על הקופסות ח' האָראָוויטש („השומר הצעיר")

די רשימה נומער 3 פון די נדרים לטובת ק. ק. ל. בעטרעפט 47 זל.

באַהן-הנחה-בילעטען פאַר די שילער פון 1 ביז'ן 4 נאָוועמבער.

אין שייכות מיט די חגאות, ווערט אין די שולעס, פון דאָנערשטאָג דעם 1 ביז זונטאג דעם 4-טען גאָוועמבער געמאַכט א הפסקה אין די לימודים און די שילער פון אַלע שולעס וועלען קאָנען געניסען פון א 50-פראָצענטיגער הנחה אויף די באַהנען — אויפ'ן יסוד פון די בעשייגונגען, וואס די שולדירעקציעס וועלען אַרויסגעבען.

פון בית"ר.

שבת. דעם 27 טען ד. ח. האָט געוויילט אויף אַ ביקור קצין-הנציבות י. כרוסט, וועלכער האט אַדורכגעפיהרט אַ ביקור אין היגען קן. אויף דעם פערלאַנג פון מבקר האט מפקד הקן משה זעלצער איבערגעריסען זיין אורלויב און צוריק איבערגענומען די אָנפיהרערשאַפט. עס איז אויך רעאָרגאַניזירט געוואָרען די מפקדה, וועלכע איז איצט צוגעטרעטען צו ענערגישער טעטיגקייט.

וועגען די וואַהלען צו דער סאָסנאָווצער האַנדעלס-קאַמער

דעם 17 ד. ח. האט זיך געענדיגט דער ענדגילטיגער טערמין אַריינצוטראָגען קאַנדידאַטען-ליסטעס אויף ראַטמענער פון דער האַנדעלס קאַמער. פאר דעם דאָזיגען טערמין זענען איינגעפלאָסען צו איין קאַנדידאַטען-ליסטע אין יעדער וואַהל-גרופע און קאַטעגאָריע (אינדוסטריע, האַנדעל און בערג-בוי).

נאכדעם ווי די וואַהל-קאָמיסיע האט פעסטגעשטעלט, אַז די אַריינגעטראָגענע קאַנדידאַטען ליסטעס ענטשפרעכען אַלע פאָדערונגען פון סטאַטוט, זענען די ליסטעס אנערקענט געווארען אלס גילטיגע און נעמענדיג אין אַכט, אַז ס'זענען געמאַלדען געווארען בלויז איינצעלנע ליסטעס פון יעדער גרופע, וועלען קיין וואַהלען, אין הסכם מיט'ן סטאַטוט, נישט פארקומען.

אויף אַזאַ אופן איז פערענדיגט ז'ער ערשטער עטאַפ פון די וואַהלען, די אַזוי גערופענע אַלגעמיינע וואַהלען אין די דורך דעם האַנדעלס-מיניסטער אנערקענטע פעראיינען, וועלכע וועלען צווישען זיך אויסוועהלען 36 ראַטמענער. דער אינדוסטריע און האַנדעלס-מיניסטער וועט דאַן נאָמינירען 6 ראַטמענער און אויף דער פלענאַרער פערזאַמלונג פון דער קאַמער וועלען צוקאָאָפטירט ווערען נאך 6 ראַטמענער. אַזוי אַרום וועט די אַלגעמיינע צאָהל ראַטמענער בעטרעפען 72 ראַטמענער.

די טשענסטאָכאָווער קאַנדידאַטען, וואס זענען ענדגילטיג בעשטעטיגט געווארען אלס ראַטמענער פון דער סאָסנאָווצער האַנדעלס-קאַמער, זענען פאָלגענדע:

פון דער אינדוסטריע סעקציע: דיר. יאַוואָרסקי און ה' ז. שטילער. פון דער האַנדעלס-סעקציע ה"ה: מ. גויפעלד און י. כאָלעוויצקי. פון דער בערג-בוי-סעקציע: אינזש. גאַנטקעוויטש, דר. ב. העלמאַן און דיר. באָרקאָווסקי.

פאַבריק „סטראַדאַם" געשענקט א פלאַץ אויף א פאָווישעכנע שולע.

די פערוואַלטונג פון דער פאַבריק „סטראַדאַם" האט געשענקט דער שטאָדט א פלאַץ פון א שטח פון 10 טויזענד קוואַדראַט מעטער אויף צו בויען א פאָווישעכנע שולע פאר די שול קינדער פון סטראַדאַם.

דער פלאַץ געפונט זיך אין א בעקוועמען פונקט און שוין אין די נאָהנטסטע טעג וועט ער אַרומגעצוימט ווערען.

דאס בויען פון דער שול-געביידע וועט זיך אָנהויבען אין פריהליג.

באַהן-הנחות קיין ווארשא אויפ'ן אונאָבהענגיגקייטס-יום-טוב.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אונאָבהענגיגקייטס יום טוב דעם 11 ליסטאָפאַד האט דאס קאָמוניקאַציע - מיניסטעריום ערטיילט בעדייטענדע באַהן הנחות פאר די, וואס ווילען פאָהרען צו דער פייערונג קיין ווארשא. דער פרייז פון א רייזע אַהין און צוריק בעטרעפט 11.60 זל. און דערביי קענען פון דער הנחה געניסען אלע אַהן אויסנאַהם.

די הנחות פערפליכטען פון 9-טען ליסטאפאד 8 אָוועגד. אָנקומען קיין ווארשא מוז מען שפעטסטענס דעם 11 ד. ח. 12 בייטאג. צוריקפאָהר פון ווארשא שפעטסטענס דעם 12 ד. ח. 12 ביינאַכט.

דיר. מאַרשאַל זאָגט זיך אָב פון זיין פאָסטען אין דער „טשענסטאָכאָווי־אַנקאַ".

ווי מיר דערוויסען זיך, האט דער לאַנגיעהריגער האַנדעלס-דירעקטאר פון דער היגער פאַבריק „טשענסטאָכאָוויאַנקאַ" ה' אדריען מאַרשאַל, רעזיגנירט פון זיין פאָסטען. דיר. מאַרשאַל האט געאַרבייט אין דער „טשענסטאָכאָוויאַנקאַ" זייט דעם יאהר 1902.

פריי־געשפראָכען אַנ'אַמסטאָווער דענטיסט פון א מיאוסען חשד.

אין אַמסטאָוו געפונט זיך א דענטיסטישער גאַבינעט פון צאַהן-ארצט הילאַרי מאשקאָוויטש. צום דענטיסט איז איין טאָג געקומען היילען זיך די צייהן די 15-יעהריגע העלענא ר. באַלד נאָכ'ן אַרויסגעהן פון גאַבינעט איז דאס מיידעל אַוועק אויפ'ן פאָליציי-פאָסטערונעק, וואו זי האט געמאַלדען, אַז אנשטאט צו פלאָמבירען איהר דעם קראַנקען צאַהן, איז דער דענטיסט געוועז אַגרעסיוו בנוגע איהר.

פאָליציי האט אַדורכגעפיהרט אַנ'אויספאָרשונג, פערהערט דעם דענטיסט און איבערגעגעבען דעם ענין אין געריכט. נישט קוקענדיג דערויף, וואס ה' מאַשקאָוויטש האט זיך פערטיידיגט, אַז גאַנצע מעשה מיט'ן מיידעל איז א בייזוויליגער בלבול, אויסגעטראַכט דורך א קאָנקורענט, האט איהם דאס געריכט פער'משפט אויף 1 יאָהר תפיסה. מאַשקאָוויטש האט אַפעלירט, אָבער דאס אַפעלאַציע געריכט האט בעשטעטיגט דעם אורטייל פון דער ערשטער אינסטאַנץ.

דעם פער'משפט'ענס פערטיידיגער האט דאַן אַריינגעטראָגען א קאַסאַציע אין העכסטען געריכט, בעריהרענדיג דעם אומשטאַנד, אַז אין מאָמענט, ווען די פאַציענטקע האט זיך אָוועקגעזעצט אויפ'ן פאָטעל, האט זיך פלוצלינג אויסגעלאָשען די בעלייכטונג און ס'איז מעגליך, אַז אויף דעם יסוד איז פאָרגעקומען עפּיס א מיספערשטענדניש.

דאס העכסטע געריכט האט דאַן מבטל-געמאַכט דעם אורטייל פון די פריהערדיגע אינסטאַנצען און איבערגעשיקט דעם פראָצעס אין אַפעלאַציע-געריכט, וועלכעס האט נאָכאַמאָל בעטראַכט אַלע איינצעלהייטען און ענדגילטיג דעם דענטיסט פרייגעשפראָכען.

ווי האָבען געזוכט סאַכאַרין און געפונען קאָמוניסטישע אויפרופען.

אַזוי ווי א געוויסער צאוגעניוש דודעק פון זאַוואָדזיע איז דורך דער פינאַנץ-קאָנטראָל געוועזען פערדעכטיגט אין האַנדעל מיט סאַכאַרין, האט דער אַמט דעלעגירט דעם בעאַמטען באַלעסלאַוו קוץ, כדי אַדורכצופיהרען א רעוויזיע אין דודעקס וואוינונג.

אויפ'ן וועג האט קוץ'ן געטראָפען דער אַגענט פון אויספאָרשונגס-אַמט, וועסאלאָווסקי. דערוויסענדיג זיך פון צופעליגען געשפרעך, אַז קוץ געהט צו דודעק'ן אַדורכפיהרען א רעוויזיע האט וועסאלאָווסקי ערקלערט, אַז דודעק איז אויך פערדעכטיגט אין קאָמוניסטישע טעטיגקייט. ער איז דעריבער מיטגעגאַנגען מיט דעם פינאַנץ-בעאַמטען און אַסיסטירט ביי דער רעוויזיע.

אין רעזולטאַט פון דער רעוויזיע האט מען קיין סאַכאַרין ביי דודעק'ן נישט געפונען. דאַגעגען האט מען ענטדעקט א סך קאָמוניסטישע ליטעראַטור און פינף פלאַקאַטען מיט אַנ'אַנטימלוכה'שען אינהאַלט.

געגען דודעק'ן איז פערפיהרט געוואָרען א פראָצעס און דאס קרייז-געריכט האט איהם פער'משפט אויף אַנדערהאַלבען יאָהר תפיסה.

בריעף אין רעדאַקציע

פון צענטראַל-קאָמיטעט פאַר דער אַנטי-היטלעריסטישער ווירטשאַפטליכער אַקציע אין ווארשא

האָבען מיר ערהאַלטען פאָלגענדען בריעף:

זעהר חשוב'ער ה' רעדאַקטאָר!

אין אייער ג' צייטונג פון 28.9 ה. י. מאַכט איהר אויפמערקזאַם אין א אַרטיקעל א. נ. „די אַרבייט דאַרף בעגייט ווערען" אויף די אונטעטיגקייט פון טשענסטאָכאָווער באָיקאָט-קאָמיטעט. אויף דעם סמך פון דאָזיגען אַרטיקעל האָבען מיר זיך געשטעלט אין פערבינדונג מיט'ן פאָרזיצער פון טשענסטאָכאָווער סוחרים-פעראיין ה' מאָוריצי גייפעלד און איהם אויפגעפאָדערט אויפצולעבען די באָיקאָט-אַרבייט ביי אייך אין שטאָדט.

מיר ווענדען זיך אויך צו אייך, חשוב'ער הער רעדאַקטאָר, אַז איהר זאָלט זיך פערשטענדיגען מיט דעם סוחרים - פעראיין וועגען אויפלעבען, אָדער רעפאָרמירען די באָיקאָט-אַרבייט אין טשענסטאָכאָוו. עווענטועל זענען מיר גרייט צו דעלעגירען צו אייך אונזער אַנ'אינסטרוקטאָר.

מיט דרך ארץ
צענטראַל - קאָמיטעט פאר
דער אַנטיהיטלעריסטישער
ווירטשאַפטליכער אַקציע.

מיר האָבען געגעבען דעם אויבענדערמאַנטען בריעף מיט דער האָפנונג, אַז דער היגער סוחרים-פעראיין וועט דאך אננעמען שריט, אַז דער אַנטי-היטלער-קאָמיטעט אין אונזער שטאָדט, זאָל בעגייען זיין טעטיגקייט.

יודען פראָצעסירען זיך און דער „גאָניעץ" האט וואָס צו שרייבען.

דער אָלשטינער בעקער יודעל קאָזשיוואָדאַ האט אָנגעקלאָגט זיינע קאָנקורענטען וואָלף און גאָלדע פישער, אַז די לעצטע זאָלען האָבען, צוליב קאָנקורענץ-טעמים, פערשפרייט קלאָגען, אַז קאָזשיוואָדאַ באַקט ברויט מיט... זשאַבעס.

דער פראָצעס איז פאָרגעקומען אין היגען שטאָדטישען געריכט, וועלכעס האט פישער'ן מיט זיין פרוי פער'משפט צו 2 וואָכען אַרעסט און 50 זל. געלדשטראָף.

אין פראָצעס האט זיך אָנגעכאַפּט ווי אין א כשר'ע מציאה דער היגער „גאָניעץ", וועלכער האט גלייך אויסגענוצט די געלעגענהייט, כדי אַרויסצוציהען דערפון פאָלגענדען קלוגען מאָראַל פאר זיינע לעזער:

„דער דאָזיגער אינטערעסאַנטער פראָצעס ענטפלעקט דאס גענצליכע געוויסענלאָזיגקייט פון די יודען, ווען ס'האַנדעלט זיך וועגען פטור ווערען פון א אונבעקוועמען קאָנקורענט".

פערהאַלטען א געפעהרליכען אַפעריסט.

מיר האָבען שוין געשריבען וועגען דעם אָריגינעלען אַפעריסט וועלכער פלעגט לעצטענס געהן איבער געוועלבער און וואוינונגען, וואו ער פלעגט זיך פאָרשטעלען אלס אַגענט פון אויספאָרשונגס-אַמט און אונטער דעם אויסרייד געפרובט אַדורכפיהרען רעוויזיעס, בעת וועלכע ער האט געגנב'עט וואס עס האט זיך נאר געלאָזט.

דער פאָליציי איז ענדליך געלונגען צו פערהאַלטען דעם געפעהרליכען שווינדלער, וועלכער האט זיך אַרויסגעוויזען אלס דער 21-יעהריגער טאַדעאוש רדזאַנעק. ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז רדזאַנעק האט אויף זיין געוויסען נאך פיעל אַנדערע פערברעכענס.

„ATLANTIC"
אָגראָדאָווא 14.
היינט
Serce wiecznie młode
מיט מערי פיקפאָרד
ווי אויך די קאָמעדיע
Chłopczyk do wszystkiego

פון דער סטאַראָסטווא.

דער רעפערענט פאר אינדוסטריע־ענינים אין דער קרייז-סטאַראָסטווא ה' פראַנטשישעק יאַוואָרסקי ווערט פון היינט-אָן, אויף זיין אייגענער בקשה, איבערגעטראָגען אין אָברוה-צושטאַנד.

פון ספאָרט

פאָליצייאישער ק. ס (קאַטאָוויץ) — „מכבי".

די באָקס קאָמפען צווישען די אויבענדערמאַנטע מאַנשאַפטען וועלען נישט פארקומען דעם 3 ליסטאפאַד, נאר אין אַנ'אַנדערען טערמין, צוליב דעם, וואס דער פאָליצייאישער ק. ס. איז אין דעם טערמין פערנומען מיט די באָקס מייסטערשאַפטען אין שלעזיען.

פון י. ט. ס. פ. „מכבי".

וויכטיג פאַר סקי - לויפער.

די סקי-סעקציע פון „מכבי" האט בעקומען א צירקולאַר פון צענטראַלען פערבאַנד „מכבי", אין וועלכען עס ווערט מיטגעטיילט, אַז מיטגלידער פון דער סקי סעקציע פון „מכבי" אין טשענסטאכאוו וועלען קענען געניסען פאר א מינימאַלען אָבצאָהל פון אלע סקי-לאַגערן, וועלכע ווערען איינגעאָרדענט דורכ'ן „מכבי" אין דער צייט פון חודש גרודזיען ביז מערץ. א חוץ דעם וועלען אלע מיטגלידער פון דער סקי-סעקציע ביים „מכבי" קענען געניסען פון 82 פראָצענט באַהן-הנחה ביי אלע דורכ'ן „מכבי" אָרגאַניזירטע אויספלוגען.

אין קורצען וועט פארקומען די פערזאַמלונג פון דער סקי-סעקציע מיט וואַהלען פון א פערוואַלטונג. איינשרייבונגען און איינשרייב-אָבצאָהל נעמט-אָן דער סעקרעטאַריאַט ביז דעם 15 ד. ח.

מיטוואָך, דעם 7 ד. ח. הויבען זיך אָן די טרעניגונגען פון אַלע גימנאַסטישע און ספאָרט-גרופען אין זאַל פון „מכבי" (קאַטעדראַלנא 13). געגויע אינפאָרמאַציעס וועגען פּלאַן פון טרעניגונגען ערטיילט דער סעקרעטאַריאַט פון „מכבי".

קרייז - צוזאַמענפאָהר פון „מכבי" אין טשענסטאָכאָוו.

ווי מיר האָבען שוין זיינערצייט געמאָלדען, ווערט געשאַפען א קעלצער קרייז פון „מכבי" מיט'ן זיץ-אָרט אין טשענסטאָכאָוו. דער אָרגאַניזיר-צוזאַמענפאָהר פון קרייז איז בעשטימט געווארען אויף זונטאג, דעם 18 ד. ח. און וועט פארקומען אין טשענסטאכאוו אין לאָקאַל פון היגען „מכבי".

אין צוזאַמענפאָהר וועלען אַנטיילנעמען פערטרעטער פון „מכבי" פערבאַנד אין פוילען און פון די „מכבי"-קלובען פון קעלצער וואָיעוואָדשאַפט.

Kino „EDEN"
די גרויסע רעזשיסערען, וואס האָבען רעאַליזירט די בעריהמטע פילמען „מעטראָפאָליס" און „ניבעלונגען" האָבען געשאַפען אַ נייַ ריזען - קונסט - ווערק
Człowiek jest grzeszny
הויפט-ראָלען: די אונפערגלייכליכע פלאָרעל און דער בעריהמטער פראַנצויזישער טראַגיקער שאַרל בואיע.

Kino „LUNA"
די הערליכע פרעהליכע קאָמעדיע
Czy Lucyna to DZIEWCZYNA
צום ערשטען מאָל אין א מענער-ראָל די פוילישע בעריהמטע אַרטיסטע
יאַדוויגאַ סמאָסאַרסקאַ
עאוג. באָדאָ, טשוויקלינסקאַ א. א.
אויסער'ן פראָגראַם קלאַנג-צוגאַבען.